פינפצעטן יארגאנג

№ 26 — Taksa pocztowa opłacona ryczałtem. — פרייז 20 גראשען. — „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska Kraków Św. Anny 12

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

פערטע אליע 6. – טעלעפאן 201

Piątek 26czerwca 1936 — ליכט-צינדען 7.44 — פרייטאג פ׳ חקת ו׳ תמוז תרצ״ו

Dr H FALK

איז צוריקגעקומען

ספעצ. פון אוירען, האלז און נאז

2-טע אליע № 37

נעמט אן פון 8—10.30, פון 3—4.30 און 7—8

Dr. med.

T. LEWKOWICZ

choroby oczu

przeprowadził się

na ul. ALEJA № 6

I piętro, front

przyjmuje jak dawniej

od 10—12 i od 4—7.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינגס = סעזאן!

13 גר. קאסט קראגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ — 50 גר. קאסט א העמד

אויך נעמען מיר אן כעמיש צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע-קורטקעס

2) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט

כוס נחומים לאחינו **מאיר אלטמאן**

למות עליו **אביו** נ״ע

בעבודתו למען ציון המשוחררת ימצא נחומים

מפקדת וקן בית״ר

בצינסטוחובה.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואלטונגס - מיטגליד ה׳ **משה דזיאלאווסקי**

צוליעב׳ן טויט פון זיין

מוטער

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון לעדער-צעך

די פערוו. פון האנדווערקער-פערבאנד.

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער פריינד **יאקוב** צום פריהצייטיגען טויט פון זיין ליבען פאטער

אהרן יצחק לאסאצקי נ״ע

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

אנדזיא יארזאמבעק, יאקוב לאנדוי, מ. הערמעלין און פרוי.

P. Jakóbowi Lasockiemu oraz Rodzinie

z powodu śmierci

b. p. OJCA Jego

wyrażają szczery żal i współczucie

Wierzbiccy, Glikerówna, Gliksman, Nunberg.

מיין פריינד **יעקב לאסאצקי**

צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין פאטער

אהרן יצחק נ״ע

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל.

יצחק פראנק

ארגאניזיר-קאמיטעט פאר׳ן יודישען וועלט-קאנגרעס אין טשענסטאכאוו

זונטאג ד. 28 ר.ח. 11 פריה אין קינא „לונא"

א גרויסע פאלקס-פערזאמלונג

געווידמעט דעם **בעפארשטעהענדען וועלט - קאנגרעס**

מיט דער בעטייליגונג פון די ה״ה:

דר. ה. ראזמארין (ג. פרעזעס פון יוד. קאלא) און **רעד. ש. וואלקאוויטש**

דעמזעלבען טאג 5 א זייגער נאכמ. אין לאקאל פון דער קהלה

א ראיאן-קאנפערענץ פון דער קעלצער וואיעוואודזטווע.

אין פייערלעשער-זאל וועט אויפטרעטען **נאר 3 מאל**

אידא קאמינסקא

צוזאמען מיט אנ׳ערשטקלאסיגען אנסאמבל.

פרייטאג ד. 3 און שבת ד. 4 פונקטליך 9 א זייגער אווענד **מאדאם איקס**

זונטאג, ד. 5 יולי 9 א זייגער אווענד **די שחיטה**

ס. אלטבוים, א. דאמב, ז. גארליצקא, י. גינזבערג, אידא קאמינסקא, נ. מייזלער, מ. מעלמאן, י. ריינגלאס, מ. ראטשיין, ל. סטאוו א. א.

בילעטען-פארפערקויף אין דער דרוקעריי פון ה׳ באטשאן.

Kierownictwo

Prywatnej Koedukacyjnej 7-mio klasowej Szkoły Powszechnej Mgr. T. Wajnberżanki

w Częstochowie, I Aleja 8

zawiadamia, że kancelarja szkoły przyjmuje codziennie zapisy uczniów i uczenic w godz. 9—1 przed poł. i 3—5 po poł.

Nauka wszystkich przedmiotów dobrze postawiona, hebrajski w dużym zakresie.

UWAGA: Szkoła przyjmuje zapisy na specjalny kurs, przygotowujący ze wszystkich przedmiotów wraz z hebrajskim do I klasy gimnazjalnej nowego typu.

KRAIN i FESSER, Katowice

Oddział w Częstochowie,

Berka Joselewicza 6. Tel. 23-12.

poleca:

stal wszelkiego rodzaju:

szybkotnącą, chromoniklową, konstrukcyjną, narzędziową, srebrzystą, maszynowo-martynowską, sprężynową, wężowatą w profilach mieczowym i Flottmann'a wały transmisyjne, walcowane i ciągnione, wały kute

Blachy:

stalowe i dziurkowane

Drut:

do spawania, fortepianowy, stalowy, sprężynowy

Wiertła spiralne:

ze stali narzędziowej i szybkotnącej

Artykuły techniczne:

elektryczne wiertarki i szlifierki, tarcze szmerglowe, filcowe, proszek i płótno ścierne, azbest, klingerit, płyty fibrowe i wszelkie wchodzące w zakres techniczny artykuły.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער חבר און פריינד **יעקב לאסאצקי** און פאמיליע

צום טויט פון זייער מאן און פאטער נ״ע

אהרן יצחק

און דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל:

משה הערשליקאוויטש, ראובן וויינבערג, שמחה לאסמאן, וו. שפיגעלמאן, שלמה ראזענבוים.

דעם ה׳ **יעקב** און **אלתר לאסאצקי** און **פאמיליע** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער **פאטער** און **ברודער**

אהרן יצחק

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל — בתוך שארי אבלי ציון ינחמו

געברידער זעלווער.

Edzia Gomolińska — **Henryk Szaja**

Zaślubieni

Łódź — 21 czerwca 1936 r. — Wieluń

את חבר המערכת **צבי שאיא** לרגלי בואו בברית הנשואים את העלמה **עדזיא גומלינסקא**

ברכות מאליפות שולחת

המערכת „וויעלונער צייטונג".

את חברנו חבר הועד **צבי שאיא** לרגלי בואו בברית הנשואים את העלמה **עדזיא גומלינסקא**

מברך ברוב אושר והצלחה

הועד של ההסתדרות הציונים הכללים

סניף בוילון.

ברכתנו הלבבית לחברנו וקרובנו **צבי שאיא** לאחותנו עם ב״ל העלמה **עדזיא גומלינסקא**

לאמו רוב נחת

רניה ויוסף שאיא

ברוב אושר ועושר הננו מברכים את חברנו וקרובנו **צבי שאיא** לבואו בברית הנשואים את העלמה **עדזיא גומלינסקא** לאמו רוב נחת

יעקב וקרולה שאיא

פיעל גליק און נחת ווינשען מיר דער **פאמיליע שאיא** צו דער חתונה פון זייער זוהן **צבי** מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**, דעם יונגען פאר א הערליכע צוקונפט

בערקאוויטש און סענדראוויטש, משה פערעצאוויטש און פרוי

פיעל גליק און צופרידענהייט ווינשען מיר אונזער חבר און פריינד **צבי שאיא** צו זיין חתונה מיט פרל. **עדיזא גאמאלינסקא**

פייוויש סקושיניא און פרוי, נחום גערשט און פרוי, קויפמאן קרימאלאווסקי און פרוי

Kuzynowi naszemu HENRYKOWI SZAJI z intencji zaślubin z panną EDĄ GOMOLIŃSKĄ wiele szczęścia i rodzicom pociechy życzą

Lejzer Berkowicz z Żoną

Z intencji zaślubin kolegi naszego p. H. SZAJI z p. E. GOMOLIŃSKĄ życzą wiele szczęścia i pomyślności

Leopold Zajdeman. Heniek Berkowicz.

אונזער ברודער-זוהן **צבי שאיא** צו זיין חתונה מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**

אונזערע הארציגסטע גליקוואונשען, די מוטער פיעל נחת און פרייד

אסתר און אלחנן היידע

א הארציגען מזל-טוב אונזער חבר און פריינד **צבי שאיא** צו זיין חתונה מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**

אשר מענדלעוויטש און פרוי, יצחק הערשבערג און פרוי

אונזער ג׳ פריינד **צבי שאיא** צו זיין חתונה מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**

ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט

איכל לאנדוי און פרוי, חייט בער נייהאן און פרוי

מזל-טוב אונזער פריינד **צבי שאיא** צו זיין חתונה מיט פרל. **עדזיא גאמולינסקא,**

די פאמיליע פיעל נחת און פרייד ווינשען

יחיאל מאיר יאקובאוויטש און פרוי, משה יורקעוויטש און פרוי.

דער **פאמיליע שאיא** פיעל נחת און פרייד צו דער חתונה פון זייער זוהן **צבי** מיט פרל. **עדזיא גאמורינסקא** (לאדז). דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט ווינשען

ברוך יעקב זעלקאוויטש און פרוי.

צו די תנאים פון פרל. **זיסל קאמיאנער** מיט ה׳ **בער ווינדלינג** פון פאביאניץ

גראטולירען הערצליך

פייוויש סקושיניא און פרוי, משה אהרן מארעק און פרוי

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטארבייטער

ה׳ **יעקב לאסאצקי** און **פאמיליע**

צום פריהצייטיגען טויט פון זייער מאן און פאטער

אהרן יצחק נ״ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

Odlewnia Stali i Wyrobów Lano-Kutych

„WULKAN".

Współpracownikowi naszemu

p. **Jakóbowi Lasockiemu** oraz **Rodzinie**

z powodu śmierci

b. p. OJCA Jego

wyraża szczere współczucie

PERSONEL

firmy „WULKAN" sp. z o. o.

מיר פאָדערן גערעכטיגקייט!

נישט קיין פריווילעגיעס פערלאַנגען מיר, נישט קיין אויסצייכנונגען, נאָר אַלס גלייכבערעכטיגטע בירגער פון דער פוילישער רעפובליק פאָדערן מיר, אז מען זאָל אָבהיטען אונזער לעבען, וואס איז כסדר בעדראָהט.

אַלע התחייבות'ן, וועלכע די מלוכה לייגט אויף אונז ארויף אַלס בירגער פון לאַנד, ערפילען מיר אין די גאנצע הונדערט פראָצענט. מיר צאהלען שטייערן פערהעלטניסמעסיג מעהר פון אַנדערע בירגער; אונזערע זיהן געהן אין מיליטער און פערגיסען זייער בלוט פאַר'ן לאַנד - פערטיידיגונג; אונזערע פאַבריקאַנטען ענטוויקלען די אינדוסטריע און גיבען די מעגליכקייט, . אַז טויזענדער נישט-יודישע ארבייטער זאָלען פערדינען און קאָנען לעבען. מיט איין וואָרט, אַלע אונזערע כחות גיבען מיר אָן פאַר'ן וואויל פון פאָטערלאַנד און דאָך ווערען מיר בעהאַנדעלט, ווי פרעמדע, ווי שונאים. פאַר וואס, פאַר ווען?

מיר לעבען אין אַן'אויסערגעוועהנליכער דעפרעסיווער שטימונג, ס'ווערט ביי אונז איינציגווייז אבגעטויט דאס מענשליכע געפיהל, מיר הויבען אָן אין אַנבליק פון די געשעהענישען צו קוקען אויף זיך, ווי אויף מינדערווערטיגע ברואים, וואס זענען אויסגעשטעלט אויף שאַנד און שפאָט, אז יעדער ווער עס וויל זאָל זיך קאָנען דערלויבען פון אונז צו רייסען שטיקער.

ווי לאַנג קאָן אָבער אזא לאַגע אויסהאַלטען?

מיר ווילען איצט נישט בעריהרען דעם גאנצען קאָמפּלעקס ענינים, ווי זיי זעהען אויס אין לאַנד-מאַסשטאַב, ווי אזוי מיר ווערען שיקאַנירט אויף שריט און טריט. מיר ווילען נאָר בויען אונזער שטימונג אויף די געשעהענישען וואס מיר לעבען איבער אין אונזער שטאדט גופא.

אויף די מויערען פון די הייזער, איבערהויפט אין דער הינטער שטאדט-טיילען, ווי, למשל, אין זאַוואַדזיע ווערען אויפגעמאָלט אַנטי-יודישע לאָזונגען, ווי: „א טויט די יודען", „נידער מיט יודען", „דער ייִד איז אונזער שונא", „פעריאָג די יודען" אד"גל די אַנטיסעמיטישע צייטונגען (און וועלכע זענען נישט אנטיסעמיטיש?) העצען כסדר אומגעשטערט געגען יודען, און אָט דאס דאָזיגע גיפט ווערט פערדייעט טאָג טעגליך דורך מיליאָנען פאָליאַקען. איז דען א וואונדער, אז נאָכדעם אַלעם איז א יוד נישט זיכער אַדורכצוגעהן דו'ך די גאַס, ווייל דער ברייטער עולם קאָן זיך נישט אויף קיין חכמות, ער אָריענטירט זיך נישט, אז דאס פיהרען די ענדעקעס א קאַמף געגען דער מלוכה און אַלס שעיר לעזאזל נעמט מען דעם יודען. דער פשוט'ער מענש פערשטעהט עס פשוט כפשוטו, אויב דער יוד איז דער איינציגער שונא, דאַרף מען איהם פערניכטען. געשעהען טאַקי גרויסע נסים, אויב נאָך אזוי פיעל האָס און שנאה, קען מען נאָך אַדורכלעבען איין טאָג אָהנע געשעהענישען.

וואס ס'טהוט אָבער פאָרט וועה, איז דאס, וואס די רעגירונג, וועלכע איז מחויב אָבצוהיטען דאס לעבען פון אַלע בירגער, איז נישט גענוג ענערגיש בעת עס האַנדעלט זיך ביי די בירגער פון יודישען גלויבען און דאס גיט מוט די פערברעכערישע עלעמענטען צו פיהרען זייער צושטערערישע אַרבייט.

אין פוילען זענען דאך נאָך פערהאַן גענוג איידעלע מענשען, וועלכע ליידען מיט אונז מיט, וואס וועהטאגען אַדורך אונזער פיין, וועלכע האַלטען, אַז פּושיטיק, איז נישט בלויז אונזער צער און וועהטאַג, נאָר אז דאס איז די חרפה פון דעם קולטורעלען, פון דעם אַלטען טראַדיציאָנעלען גאסט-פריינדליכען פוילען. זייער צאהל איז, אמת, אַ קליינע אבער דאך זענען פערהאַנען אזעלכע אין פוילען.

אָט צו די יעניגע שרייען מיר אויס פון טיעפסטען הארץ: העלפט אונז מיט אין אונזער גערעכטען קאמף, מיר פערלאַנגען נישט קיין פריווילעגיעס, מיר פאָדערן נאָר גערעכטיגקייט, דאס עלעמענטאַרסטע, וואס דער שטאַרקער איז מחויב צו געבען דעם שוואכען — גערעכטיגקייט!

ש.

קאָמוניקאַט פון אָרטיגען שקל-קאָמיטעט.

פון אָרטיגען שקל-קאָמיטעט האָבען מיר דערהאַלטען פאָלגענדען קאָמוניקאַט:

אין שייכות מיט'ן לעצטען צירקולאַר פון צענטראַלען שקל-קאָמיטעט אין ווארשא, וועלכער פאָדערט אויף ווי אַמשנעלסטען צו פערענדיגען די היי-יעהריגע שקל-אַקציע—מאַכען מיר אויפמערקזאַם די היגע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, אַז ביז'ן 30 ד.ח. זענען זיי פערפליכטעט אָבצוגעבען א דין-וחשבון פון די דורך זיי פערקויפטע שקלים און די געלדער ווי אויך די גזשביעטען אָבצוברענגען אין סעקרעטאַריאַט פון שקל-קאָמיטעט ביי דער ציונ. אָרג. יעדען טאָג פון 9 אָוועַנד.

קורסען פאַר פאַרבען-סוחרים אין ווארשא

נישט געקוקט אויף דער דראָהענדער געפאַהר פאַר די יודישע פאַרבען-סוחרים צו פערלירען זייער פרנסה, צוליב דער אַנווענדונג פון געזעץ פון יאהר 1844, וועלכער זעהט פאָר, אז יעדער איינציגער, וואס פערנעמט זיך מיט'ן פאַרבען.מסחר מוז בעלייגען א עגזאַמען און ארויסבעקומען א דיפלאָם,—האָבען דאַך דער גרעסטער טייל יודישע פאַרבען-סוחרים נישט אונטערגענומען קיין שום שריט, אז זיי זאָלען קענען צוטרעטען צום עגזאַמען.

דער צענטראַלער דעטאַליסטען און קליינהענדלער פערבאַנד, שטעהענדיג אויף דער וואַך פון די אינטערעסען פון די ברייטע יודישע מאַסען דעטאַליסטען און קליינהענדלער און פאַראויסזעהענדיג די קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגען, האט צוזאמען מיט דער זייף און פאַרבען-סעקציע, אונטער דער לייטונג פון מאַניסטער-כעמיע ה' י. פינקלער, אָרגאַניזירט צוגרייטונגס קורסען פאַר די יודישע פאַרבען-סוחרים פון ווארשא און פּראָווינץ, פון וועלכע העכער 300 פערזאָן האָבען שוין בעלייגט דעם עקזאַמען און ארויסבעקומען דיפּלאָמען.

שטיצענדיג זיך אויף די ערפאָלגרייכע רעזולטאַטען, וואס עס האָבען געגעבען די ביז יעצטיגע קורסען (אַלע האָבען דעם עגזאַמען אויסגעהאַלטען), און נעמענדיג אין אַכט דעם יעצטיגען גינסטיגען מאָמענט צו בעלייגען עגזאַמענס, האט די עקזעקוטיווע פון צענטראַלען דעטאַליסטען און קליינהענדלער פערבאנד בעשלאָסען צו עפענען זונטאג, דעם 5-טען יולי ד. י. 10 א זייגער פריה דעם 2-טען פאַרטאָגיגען צוגרייטונגס-קורס פאַר די יודישע פאַרבען-סוחרים פון דער פּראָווינץ. וועגען דעם האט די עקזעקוטיווע פון קליינהענדלער פערבאנד מודיע געווען אַלע קליינהענדלער אָרגאַניזאַציעס און יודישע קהלות אין לאַנד.

יעדער איינציגער, וואס וויל אַנטיילנעמען אין דאָזיגען קורס, דאַרף וועגען דעם אַמשפּעטסטענס ביז'ן 1-טען יולי ד. י. בריפלעך אָדער פערזענליך מיטטיילען דעם צענטראַלען דעטאַליסטען און קליינהענדלער פערבאַנד, ווארשא, לעשנא 40, אַנגעבענדיג זיין נאמען פאַמיליע - נאמען און גענויע אַדרעס.

די דינסטאָג'דיגע זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

אויפ'ן טאָג-אָרדנונג פון דער דינסטאָג'דיגער שטאָדט-ראַט-זיצונג האָבען זיך געפונען אַזש 30 פונקטען. אין אַלגעמיין איז די דאָזיגע זיצונג אדורך אין א רוהיגער שטימונג. די ראַטמענער האָבען כמעט נישט גענומען קיין אַנטייל אין די דיסקוסיעס און די פערהאַנדלונגען זענען געפיהרט געווארען אין א רעקאָרד-טעמפּאָ, א דאַנק וואס ס'איז געלונגען אויסצושעפען דעם טאָג-אָרדנונג. צו אַזאַ פערלויף פון דער זיצונג האט אין א געוויסער מאָס מיטגעווירקט די מיעדקייט צוליב דער הערשענדער היץ און די אָבוועזענהייט פון פיעל ראַטמענער.

מיט אַנ'1-שעה'דיגער פערשפעטיגונג 8 א זייגער אָוועַנד עפענט די זיצונג דער דערוויילגער שטאָדט-פרעזידענט ה' מאַטאַל, וועלכער לעזט פאַר א קאָמוניקאַט בנוגע דעם בעשעפטיגען אַרבייטסלאָזע, חובות-ענטלאַסטונגען פון דער שטאָדט און די ארבייטען ארום דעם בודזשעט-פּרעלימינאַר אויפ'ן יאהר 1936—37. די ארומגערעדטע ענינים ווערען דורכ'ן פרעזידענט בעלויכטען מיט געהעריגע ציפערן.

נאכ'ן פערענדיגען די קאָמוניקאַטען איז פרעזידענט מאַטאַל ארויסגעטרעטען מיט א פאָרשלאַג איבערצוווייזען דעם בוי-קאָמיטעט פון א בנין פאַר דער פאַך-דערגענצונגס-שולע דעם שטאָדטישען פּלאַץ אין נאַרוטאָוויטשא-פּאַרק, וואו דער בנין זאָל ווערען אויפגעבויט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעשלוס צו ליקווידירען דאס שטאָדטישע שפּיטאָל פאַר וועגערישע קראַנקע אויף וויעלונסקא גאָס, האט דער שטאָדט-פרעזידענט מיטגעטיילט דעם שטאָדט-ראַט די בעדינגונגען, אויף וועלכע די קראַנקע פון טשענסטאָכאָוו וועלען ווערען געהיילט אין דעם צווישענשטאָדטישען שפּיטאָל אין בענדין. דערביי האט דער פרעזידענט בעטאָנט, אַז אין טשענסטאָכאָוו וועט זיין טעטיג בלויז א בעראַטונגס-שטעלע פאַר מאַנספערשוינען און אַנ'איזאָלאַטאָריום פאַר פרויען, וואו זיי וועלען קענען פערברענגען בלויז עטליכע טעג.

דאַן האט דער מאַגיסטראַט אויסגעוועהלט א גאַנצע רייהע קאָמיסיעס, ווי א רעוויזיאָנס - קאָמיסיע, בוי קאָמיסיע, געזונדהייטס קאָמיסיע א. אנד., וועלכע וועלען זיך פערנעמען מיט די זיי אונטערליגענדע ענינים.

נאָך א הפסקה האט דעם פאָרזיץ איבערגענומען וויצע פרעזידענט העני-שעל.

די פראגע פון ענדערן דעם שטאָדטישען הערב האט רעפערירט נאַטשעלניק סטאַלאַ. אין רעזולטאַט איז געווארען בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום אינערן-מיניסטעריום וועגען צוריקקעהרען דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו דעם הערב, וועלכער פיגורירט אויף די אַלטע סטעמפּלען אין די אַרכיוועןן און וועלכער איז געווארען געגעבען דער שטאָדט אין יאָהר 1501.

אָהן דיסקוסיע איז געווארען בעשלאָסען דער פונקט וועגען צונעמען א שטיצע פון 30,000 זלאָטעס פון אונטערשטיצונגס-פאָנד, ווי אויך אַנ'עהנליכע שטיצע אין דער סומע פון 16.657 זלאָטעס און צו נעמען א הלואה פון 150.000 זלאָטעס אויף פונאנדערצובויען די וואַסערלייטונג-און קאַנאַליזאַציע-נעץ.

אָהן דיסקוסיע איז אויך אָנגענומען געווארען דער סטאַטוט פון די שטייערן פון הינד, פון וואוינונגס-לוקסוס און פאַר אויסנוצען איבער דער מאָס די שאָסעען דורך עקספּעדיציע-אונטערנעהמונגען, דראָזשקאָזשעס און מאנכע פאַבריקען און פון שטייערן פון האָטעלען.

נאכ'ן רעפעראַט פון דיר. קנאָוער און א קורצער דיסקוסיע זענען געענדערט געווארען די פאָרשריפטען וועגען די אָבצאָהלען פאַר וואסער און קאַנאַלען אויף אַזא אופן, אַז די דאָזיגע אָבצאָהלען וועלען גענומען ווערען אין דער ביז-יעצטיגער הויך צוזאַמען 20 פּראָצענט, נור נישט פון גרונד-דירה-געלד פון יאהר 1914, נאָר פון פאַקטישען דירה-געלד, וואס ווערט יעצט געצאָהלט, ווי אויך 5 פּראָצענט פון פאַקטישען דירה-געלד פאַר'ן רעכט צו געניסען פון וואַסער און 5 פּראָצענט פאַר'ן רעכט צו געניסען פון די קאַנאַלען פון נישט-קאַנאַליזירטע הייזער. דער מאַגיסטראַט איז אויך געווארען בעפולמעכטיגט צו זשירירען די וועקסלען, וואס פליסען איין פון די הויזבעזיצער פאַר וואַסער און קאַנאַלען, וואס איז פּראַקטישער איידער איבערצושיקען די חובות אין דער עקזעקוציע.

איינשטימיג איז געווארען אָנגענומען דער פאָרשלאָג פון ווירטשאַפטליכען בלאָק פון בעעהרען דעם העלדישען טויט פון די טשענסטאָכאָווער קעמפער פאַר דער בעפרייאונג פון שלעזיען און אַנרופען די שלאָנסקא גאס מיט'ן נאָמען „פּאָסטאַנצוב שלאָנסקיך".

דערמיט איז ארום 1 זייגער ביינאַכט געווארען פערענדיגט די זיצונג.

פון שול-יריד.

אין משך פון 10 וואָכען וועלען די בילדונגס ווארשטאַטען זיין פערהעמערט. די שילער זענען פריי, ווי די פויגעלעך אין וואַלד און אפשר נאָך פרייער, בלויז די דירעקטאָרען און לייטער'ס פון די פּריוואַטע שולען זענען פערזאָרגט און זוכען תחבולות, ווי אזוי צוזאַמענצושטעלען וואס מעהר שילער-קאָמפּלעקטען צום נייעם שול יאהר. בענוצט מען זיך מיט'ן אַלטען מיטעל— רעקלאַמע און קאָנקורענץ. גיט איין שולע 10 אומזיסטע פּלעצער, שטעהט נישט אָב די אנדערע שולע און רעקלאַמירט אויך איהרע 10 אומזיסטע פּלעצער; און אזוי געהט עס אין אַלע הינזיכטען, ווייל אויסער בילדונג, מיט וועלכער די שולען בעשעפטיגען זיך, מוזען זיי אויך נאָך אין זינען האָבען דאס שטיקעלע פרנסה...

נישט אָבער ווענען די געשעפטליכע ענינים פון די שולען, איז מיין אויפגאַבע צו בעריכטען, נאָר צו געבען אביסעל איינדרוקען פון דעם שול יריד, וועלכער איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַקאַציעס.

פאַציפיסטען

איך בין געווען אויף די פייערליכע פראַנשטאַלטונגען, וואס זענען איינגעאָרדענט געווארען לכבוד דאס שליסען דאס שול-יאהר און ביי דער צוטיילונג פון די געהעריגע בעשיינונגען פאַר די שילער, וועלכע האָבען זיך צושיידט מיט דער שולע.

אזוי בין איך געווען אין איינער פון די מלוכה'שע פּאָווסעכנע-שולען, אין דער פּריוואַטער פּאָווסעכנע שולע פון ה' ווײַנשטאָק אין א גימנאַזיום, ווי אויך בעת'ן צוטיילען די בעשייניגונגען פאַר די ארבייטער מיידלעך און-יונגלעך, וועלכע האָבען געענדיגט די דערגענצונגס-קורסען. און מערקווירדיג: ווען מען הערט די פערשידענע געזעגענונגס-רעדעס פון די שילער, בלייבט מען פערבליפט. פון וואַנען אזוי פיעל ערודיציע, אזוי פיעל בעהאַוונקייט? ס'דאַכט זיך אויס, אז מען זעהט נישט פאַר זיך שילער, נאָר דערוואַקסענע רייפע מענשען און מיט'ן גרעסטען יראת-הכבוד זיצט מען בעת דאס יונגוואַרג רעדט.

הערט מען אזעלכע רעדעס פון א בירנצווייג און ווײַנטרויב פון דער פּאָווסעכנע-שולע נומער 13, לאַסטאָמאָנובנע, פירשטענבערג פון ד"ר אָקסער'ס גימנאַזיום, שטשעקאַץ און לוסטיגער פון די דערגענצונגס-קורסען ביים האַנדווערקער-פערבאַנד—טראַכסטו ביי זיך: א שאַד, א שאָד, וואס אַזעלכע רעדעס ווערען געהאַלטען אין די ענגע מויערען פון דער שולע; אַזעלכע רייד פון יודישע קינדער האָבען נעדאַרפט געהערט ווערען איבער דער גאַנצער וועלט און לכל הפחות כאָטש איבער גאַנץ פוילען. דאַן וואָלטען פערשטימט געווארען די קאָוואַלסקי'ס און זיינע אידעען-חברים, ווארום, וויפיעל חיה'שע געמיינהייטען זיי זאָלען נישט פערמאָגען אין זיך, וואָלטען אָט אַזעלכע רייד, וואס מען האט געהערט פון די דאָזיגע שילער, געמוזט זיי ענטוואָפענען און וואָלטען אפשר ביי זיי דערוועקט דאס פינטעלע מענש, וואס מוז זיך געפינען אפילו ביי אַזעלכע לייט, ווי עס זענען די פון קאָוואַלסקי'ס חדר.

און אייגנט וואס האט זיך שטאַרק אָנגעשלאָגען פון די אַלע רייד איז, אז מיר זענען שטאַרקע פּאַציפיסטען. אין א צייט, ווען די פויסט איז די הערשערין אין גאָס און דעצידירט וועגען א סך פּראָבלעמען, קומט צו געהן די יודישע שטודירענדע יוגענד און פּרעדיגט שלום און פרידען. מיט קולטור און וויסענשאַפט וועלען מיר זיך אַקעגענשטעלען דער האַרטער פויסט פון די שלעכטע מענשען—האָבען געקלינגען די האַרציגע פעסטע רייד פון די אַלע שילער-רעדנער, וועלכע האָבען געענדיגט די שולען און הויבען אָן צו געהן אין דער וועלט אַריין.

מיר וויסען—הערען זיך ווייטער די יונגע שטימעלעך פון די שילער—אַז אונזער וועג איז נישט אויסגעפלאַסטערט מיט קיין רויזען, עס איז א שווערער דערנדיגער-וועג, און דעריבער וועלען מיר מוזען קעמפען, אָבער נישט מיט דער פויסט און שווערד, נאָר מיט בילדונג, מיט דער ליעבשאַפט צום מענש, מיט איידעלע מידות, וואס אונזערע לעהרער האָבען אין אונז איינגעפלאַנצט; אָט מיט דעם געוועהר וועלען מיר זיך אַדורכקעמפען א וועג אין לעבען.

נאַאיווע, יודישע קינדערלעך! דאס ברוטאַלע לעבען האט זיי נאָך וועניג אָנגעריהרט, זיי זענען נאָך מיט פיעל אמונה און בטחון, אַז מיט די דאָזיגע אייגענשאפטען קאן מען געהן אין לעבען פון דער איצטיגער העסליכער צייט.

אונזער יוגענד, אַזוי ווי דאָס גאַנצע יודישע פאָלק, זענען נאָך אַלץ פּאַציפיסטען.

בלומען.

די לעצטע צייט זענען בלומען ווידער אַריין אין דער מאָדע – מען טיילט בלומען.

אויך בלומען דאַרפען האָבען הצלחה. פערהאַנען בלומען, וואָס זענען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון אַ קאָוואַלסקי, וועלכער האט געשענדעט דאס געטליכע און דעם מענשען. אויך די אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען גערעטעוועט דעם מענשליכען כבוד אויפ'ן פּושיטיקער פּראָצעס האָבען בעקומען בלומען, און די לעהרער, וועלכע האָבען איינגעפלאַנצט אין זייער שילער מידות ומעשים טובים האָבען אויך בעקומען בלומען.

די בלומען, אַזוי ווי די מענשען, האָבען אויך זייער מזל.

אַבסאָלווענטען.

אַ טעות האָבען די יעניגע, וועלכע טראַכטען, אַז מיט'ן ענדיגען די שולע, רייסען זיי איבער אַלע בעציהונגען מיט'ן אנשטאַלט. ביי אַלע שילער אָהן אויסנאַהם, סיי דאס איז די פּאָווסעכנע, סיי אַ גימנאַזיום און סיי די דערגענצונס-שולע פאַר בעלי מלאכות, עקזיסטירען קרייזלעך פון געוועזענע שילער, וועלכע האָבען ווייטערע בעציהונגען מיט'ן ערציהונגס-אַנשטאַלט, אין וועלכען זיי האָבען פערבראַכט אַ רייהע יאָהרען.

אויף אַלע פייערונגען האט מען געהערט די זעלבע פראַזע: — מיר געזעגענען זיך מיט אייך נאָר פאָרמעל, פאַקטיש אָבער וועלען מיר זיך ווייטער בעגעגענען אין די קרייזלעך פון די געוועזענע שילער, וואס עגזיסטירען אין יעדער שולע און ווערען אָנגערופען קרייזלעך פון אַבסאָלווענטען.

די דאָזיגע קרייזלעך זענען אַ גינסטיגע ערשיינונג, ווארום איידער צו לויפען אין די פערשידענע אָרגאַניזאַציעס און זיך פערנעמען מיט פּאָליטיק, זאָלען זיי בעסער פערבלייבען ביי דער שולע אַלס אַבסאָלווענטען.

„עמך".

אין די דערגענצונגס - שולען פאַר מיידלעך און יונגלעך האָבען היי-יאהר בעקימען צייגנישען 54 שילער: 23 מיידלעך און 31 יונגלעך. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די צאהל איז זיכער אַ קליינע, ווייל אויף אַזאַ שטאָדט ווי טשענסטאָכאָוו האָבען געדאַרפט ענדיגען יעדעם יאהר כאָטש עטליכע הונדערט שילער, וועלכע דאַרפען זיין די צוקונפטיגע יודישע בעלי-מלאכות, וואס דאַרפען בילדען די קאַדרען פון דעם אָרגאַניזירטען, ענטוויקעלטען יודישען האַנדווערקער, זיי זאָלען קאָנען זיין שטאַנדהאַפטיג געגען יעדען פּרוב אונז אָבצושוואַנקען.

עס איז בלי ספק אַ קליינע צאהל, פונדעסטוועגען מוז מען זיי בעגריסען, ווייל די, וועלכע שטודירען פרייע פּראָפעסיעס, קאָנען נישט זיין אזוי זיכער מיט זייער צוקונפט, ווי עס זענען זיכער אָט די אויסגעבילדעטע יודישע האַנדווערקער, וואס וועלען זיין אונזערע צוקונפטיגע שער און אייזען, האַמער און קאָוואַדלע — „עמך".

סמאל

דריי שעה מיט יודישע יתומים'לעך

(פון א בעזוך אין יתומים-הויז)

אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה" האט דעם פארזיץ געפיהרט די אנפיהרערין פון יתומים-הויז א. נ. פון מינא ווערדע–פרוי שטארקע. בעת די פערזאמלונג איז פערענדיגט געווארען, האט פרוי שטארקע איינגעלאדען די פערזאמעלטע אויף א בעזוך אין זקנים און יתומים-הויז, און געזאגט האט פרוי שטארקע אזוי: איך זעה, אז איהר האט אזא גרויסע דאגה צוזאמענצושטעלען א בודזשעט, וואס בעטרעפט עפעס מעהר ווי 4 טויזענד זלאטעס א יאהר; טא זייט אזוי גוט און בעזוכט דעם אנשטאלט, וועלכער איז מיר אנפערטרויט געווארען וועט איהר זיך איבערצייגען, וואס עס הייסט אזוינס צו זארגען פאר א בודזשעט. די איינלאדונג איז אנגענומען געווארען, און היות ווי די פערוואלטונג פון פרויען-פעראיין-„עזרה" האט צו מיר א גרויסע... סימפאטיע, האט זי מיך אויך פערבעטען אנטייל צו נעמען אין דער דאזיגער „וויטשעטשקע", נאטירליך, האב איך די איינלאדונג גערן אנגענומען, ווייל ס'איז דאך עפיס נישט שייך זיך פון אזא איינלאדונג אבצוזאגען, עס וואלט דאך עפיס געווען נישט דזענטעלמעניש... צו דער בעשטימטער שעה האט זיך די פערוואלטונג פון „עזרה", אין דער צאהל פון א „יעדענאסטקע", צוזאמען מיט דער פרוי שטארקע אריינגעזעצט אין שטאדטישען אויטאבוס, וואס האט אלעמען געפיהרט צום אנשטאלט.

איך וויל`נישט דא בעשרייבען די איינריכטונג פון יתומים-הויז, וואס איז שוין דורך מיר עטליכע מאל געטהון געווארען ביי אנדערע געלעגענהייטען. דאס איז פאקטיש א מוסטערהאפטער ערשטקלאסיגער אנשטאלט וואס איז זעלטען בנמצא. און זאגאר די נישט יודישע אנשטאלטען פון זעלבען כאראקטער, וועלכע בעקומען גרויסע מלוכה-אונטערשטיצונגען, זענען א סך הינטערשטעליג געגען אונזער יתומים-הויז. איך וויל נאר יעצט אנווארפען עטליכע בעמערקונגען און איינדרוקען, וואס איך האב דאס מאל ארויסגעטראגען פון בעזוך אין יתומים הויז.

אנ'אלטע טענה:

עס איז נישט בעוואוסט, פארוואס דער גרינדער פון דעם אנשטאלט, לעאפאלד ווערדע, האט דוקא אויסגעקליבען אלס פלאץ פאר'ן זקנים און יתומים-הויז, אזא שטיק-וועגס הינטער דער שטאדט, אין ארײן קריסטליכער געגענד און אין א פערווארפען געסיל, אינדערצייט, ווען דאמאלס, קרוב פיערציג יאהר צוריק, זענען געווען גענוג פלעצער אין דער שטאדט גופא. און אט דאס, וואס דאס יתומים הויז געפונט זיך אזוי ווייט הינטער דער שטאדט, איז א גרויסער שאדען פאר דער אינסטיטוציע, ווייל צו בעזוכען דאס יתומים-הויז איז פערבינדען מיט גרויסע שוועריגקייטען און ווער שמועסט ביי די איצטיגע בעדינגונגען ווילט זיך אוודאי נישט קיינעם קריכען אונטער דער שטאדט, און ווי זאגט דאס פאלקס-ווערטיל: וואס ווייטער פון די אויגען, איז ווייטער פון הארצען.

די פרויען פון דער „עזרה", וועלכע האבען בעזוכט דאס יתומים-הויז, געהערען כמעט אלע צו דעם טייל פרויען, וועלכע ס'איגטערעסירט געזעלשאפטליכע ארבייט, וועלכע זענען אליין געזעלשאפטליכע טהוערינס, און פונדעסטוועגען זענען געווען עטליכע, וואס האבען צום ערשטען מאל איבערהויפט בעזוכט דעם אנשטאלט. אז זיי זענען געווארען ענטציקט פון דער הערליכער איינריכטונג, איז איבריג צו דערצעהלען. זיי האבען נאר נישט געקאנט בעגרייפען פון וואנען דאס אלעס האלט זיך אויס און מען האט נאר כסדר געהערט: פרעכטיג, ענטציקענד, אדער פון וואנען איז פערהאן געלד דערויף? די פרוי שטארקע האט דיסקרעט געשמייכעלט, אזוי ווי איינער זאגט: דאס איז מיין סוד, דערביי האט זי טריומפירט איבער די געסט, וועלכע האלטען אב כסדר זיצונגען, אויף וועלכע מען ברעכט זיך דעם קאפ, ווי אזוי צו קאנען אדורכפיהרען אנ'אקציע, וואס בעטרעפט סך הכל א פאר הונדערט זלאטעס, אינדערצייט ווען דא געהט א „פאבריק", וואס האלט אויס מיט אלעם גרייטען איבער הונדערט נפשות.

איצט א פאר ווערטער וועגען די יתומים גופא:

באלד ווי מיר האבען זיך אבגעפערטיגט מיט די זקנים, האט מען זיך איבערגעטראגען אין דער קינדער-אבטיילונג. דארט האט מען געטראפען א צעהנדלינג קינדערלעך, וועלכע זענען געווען פערנומען מיט זייער ארבייט– מאכען די לעקציעס, און איינער א יאט האט געהאלטען אין איין צייכענען. ער איז געווען אזוי אריינגעטהון אין דער ארבייט, אז ער האט אונז כמעט ווי נישט בעמערקט, און אפילו דאמאלס, ווען מען האט אבגעטיילט זיין פארציע מיט פרוכטען און צוקערווארג, וואס די געסט האבען מיטגעבראכט, האט ער עס אויך געלאזט ליגען און געווען נאר פערנומען מיט'ן צייכענען.

צווישען די 70 יתומים'לעך, וועלכע געפינען זיך אין אנשטאלט, זענען פערהאנען טייערע, הארציגע קינדערלעך מיט ווייכע סאמעטענע אויגעלעך, אז ווען זיי קוקען אויף דיר ווערט דיר ווארעם ביים הארצען און גלייכצייטיג נעמט דיך ארום א טיפע רחמנות און ס'פרעגט זיך: פארוואס, פאר וואס, וואס האבען די קינדער געזינדיגט, אז זיי זאלען פערלירען זייערע עלטערן אזוי פריה.

די קינדער האבען אונז מכבד געווען מיט געזאנג און טענץ, א סך האבען ארויסגעוויזען טאלאנט. פרוי שטארקע בעט די קינדערלעך, אז זיי זאלען לכבוד מיר זינגען יודישע ליעדלעך, און באלד צושאלט זיך איבער'ן זאל א יודיש פאלקס-ליעד, וואס ווערט געזונגען דורך די קינדער מיט טעמפעראמענט.

איבערהויפט מוז צום שבח געזאגט ווערען, אז לעצטענס זענען איינגעפיהרט געווארען אין אנשטאלט יודישע לעקציעס. די ספעציעל-אנגאזשירטע לעהרערין פרל. ראזענבלאט פון וויעלון לערנט די קינדער לעזען און שרייבען יודיש. זי ווייזט מיר די העפטען, וועלכע די קינדער שרייבען און עס איז גארנישט שלעכט געמאכט געווארען.

פרוי שטארקע בעווייזט פאר די געסט די איינריכטונג, די שלאף-צימערען, די עס און שפיל-צימערען און איך נוץ אויס די צייט און זעץ זיך אוועק מיט די קינדער און זינג מיט זיי איין עטליכע פאלקס ליעדלעך, און איידער איך האב זיך מיט זיי געזעגנט, האבען שוין די קינדער נאכגעזונגען די ליעדלעך און האבען געבעטען נאך און נאך.

דעם אמת זאגענדיג, האב איך זיך גוט געפיהלט צווישען די אומגליקליכע יודישע קינדערלעך. די צרות, וועלכע זיי האבען אדורכגעלעבט צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייערע עלטערען, האט זיי געלייטערט, און זייענדיג צווישען אזעלכע קינדער פיהלט מען זיך דערהויבען. כ'ווייס נישט ווי אנדערע, נאר איך, ווען כ'בין געזעסען מיט די קינדער און צוזאמען מיט זיי געזונגען, האב איך פערגעסען וועגען פשיטיק און מינסק-מאזאוויעצק און זאגאר אין פרעמיער'ס „אוושעם"; עס איז מיר געווען גוט, מיך האט ארומגענומען אזעלכעס, וואס מען קאן מיט קיין ווערטער נישט אויסדרוקען. איך האב געוואלט די קינדער טרייסטען, זיי דערצעהלען, אז מיר אלע, דאס גאנצע יודישע פאלק אין פוילען זענען יתומים. איך האב זיי אבער דאס נישט דערצעהלט, איך האב זיי בעסער אויסגעלערנט נאך א פאלקס ליעדעל, וואס זיי האבען נאכגעזונגען מיט גרויס התלהבות.

פלוצים רופט מען מיך. וואס איז? מען געהט צום אויטאבוס. לאין ברירה האב איך זיך געמוזט געזעגענען מיט די קינדערלך כאטש ס'איז מיר געווען א גרויסע שאד זיי אזוי שנעל צו פערלאזען. אויך די קינדער האבען אויסגעדרוקט זייער עגמת-נפש, וואס דאס האט זיך אזוי שנעל פערענדיגט און זיי האבען מיך געבעטען זיי אפטער צו בעזוכען, וואס איך האב, נאטירליך, זיי צוגעזאגט.

הונדערטער פערוואהרלאזטע יודישע קינדער וואלגערן זיך ארום אין די פייכטע קעלערען פון זייערע ארימע עלטערן. הונדערטער יודישע יתומים האבען נישט קיין היים און נישט קיין דאך איבער'ן קאפ, דער דאזיגער אנשטאלט, וועלכער האלט אויס איבער 70 יתומים, היט זיי אב ווי א טרייע מוטער, גרייט זיי צו צו א זעלבסטשטענדיגע לעבען, דארף מיט אלע כחות אונטערשטיצט ווערען פון דער ברייטער יודישער געזעלשאפט. און דער פרוי שטארקע, וועלכע ווידמעט איהר גאנץ לעבען פאר'ן דאזיגען אנשטאלט, דארף מען זאגען: געבענשט זאלען זיין איהרע הענד.

ש. פראנק.

אפל. אדוו. י. קושעפיצקי

וואס דארף מען וויסען ביים שרייבען א „אד-וואלאניע" געגען א צו גרויסע שטייער-אויסמעסטונג?

די שטייער-אמטען זענען שוין צוגעטרעטען צום צושיקען די צאהלונגס-נאקאזען פונ'ם אומזאץ שטייער אויפ'ן יאהר 1935. ס'ווערט דעריבער אקטועל די פראגע פון „אדוואלאניעס" געגען א צו גרויסע שטייער-אויסמעסטונג. ביים שרייבען א „אדוואלאניע" מוז מען אבער געדענקען, אז די שטייער-געזעצען שטעלען א רייהע פאדערונגען, אי בנוגע דער פארם פון דער „אדוואלאניע", אי בנוגע איהר אינהאלט. ווערט די אדוואלאניע נישט געשריבען לויט די געהעריגע פארשריפטען קען זי אין געוויסע פאלען איבערהויפט נישט בעטראכט ווערען און אין בעסטען פאל, ווען זי ווערט יא בעטראכט, קען זי נישט ברענגען דעם געהעריגען רעזולטאט.

מיר וועלען זיך דעריבער בעמיהען אויפצוקלערען די וויכטיגסטע פארשריפטען, וועלכע זענען נוגע דער פארם און אינהאלט פון די „אדוואלאניעס".

דער ארט. 112 פון דער שטייער-ארדינאציע זעהט פאר דאס אנ'„אדוואלאניע" מוז, צווישען אנדערע, ענטהאלטען פאלגענדע פונקטען:

1) אנווייזונג אין וועלכער הינזיכט דער שטייער-צאהלער האלט די שטייער-אויסמעסטונג פאר אנ'אונגערעכטע און פאדערט דעריבער איהר ענדערונג;

2) קאנקרעטע פארוואורפען געגען די פרינציפען, אויף וועלכע ס'האט זיך געשטיצט דער שטייער-אמט ביי דער אויסמעסטונג פונ'ם שטייער;

3) בעוויין מאטעריאל, וועלכער גיט די מעגליכקייט פעסטצושטעלען די ריכטיגקייט פון די פאקטען און ערקלערונגען, וועלכע זענען אנגעגעבען אין דער „אדוואלאניע".

פון די אויסגערעכענטע פונקטען איז קלאר, אז ס'איז נישט גענוגענד ווען די „אדוואלאניע" ענטהאלט אנ'אלגעמיינע ערקלערונג, אז מען האלט די אויסמעסטונג פאר א צו גרויסע און אונגערעכטע, גאר זי מוז פונקט ביי פונקט אבשטעלען זיך אויף יעדע פעסטשטעלונג און יעדען פאקט, אויף וועלכען דער שטייער-אמט האט זיך געשטיצט ביים אויסמעסטען דעם שטייער, ווי: די סומע פון בעטרעף פון סחורה-לאגער, אויסצוגען פון פירמעס ביי וועלכע די סחורה ווערט איינגעקויפט, זאכקענער א.ז.וו. ס'איז קלאר, אז כדי צו האבען די מעגליכקייט אויף דעם אלעם זיך גענוי אבצושטעלען מוז מען וויסען אויף וועלכען סמך דער שטייער איז געווארען אויסגעמאסטען. דערצו נוצט דער ארט. 108 פון דער שטייער-ארדינאציע, וועלכער גיט דעם שטייער-צאהלער דאס רעכט צו פאדערן פון שטייער-אמט די אזוי-גערופענע „פאדסטאווא ווימיארו" ד. ה. דעם באזיס, אויף וועלכען די שטייער-אויסמעסטונג שטיצט זיך. די דאזיגע אינפארמאציעס ווערען ערטיילט דורכ'ן שטייער-אמט מונדליך אדער אויף א שריפטליכע ביטע פונ'ם שטייער-צאהלער, שריפטליך. ווען מען בעזיצט די „פאדסטאווא ווימיארו" קען מען ערשט צוטרעטען צו שרייבען די „אדוואלאניע". מיט די פעסטשטעלונגען פונ'ם שטייער-אמט מוז דער שטייער-צאהלער געהעריג און זאכליך פאלעמיזירען געגענשטעלענדיג זיי זיינע אייגענע פעסטשטעלונגען, געשטיצטע מיט בעגלויבטע, געהעריגע בעווייזען.

צום ביישפיל דער שטייער-אמט האט ביים שאצען דעם אומזאץ אנגענומען דעם בעטרעף פונ'ם סחורה-לאגער גרעסער ווי ר'איז אין דער ווירקליכקייט, אדער ר'האט אנגענומען צו הויך די סומע פונ'ם טעגליכען לייזונג, א.ז.וו. די פעסטשטעלונגען מוזען זיך שטיצען אויף בעווייזען ווי: אלערליי דאקומענטען, בריעף, „נאטאטקעס", עדות, זאכקענער א.א.

אויך קען דער שטייער-צאהלער אין דער „אדוואלאניע" פאדערן, אז מען זאל איהם רופען צו דער זיצונג פון דער „קאמיסיע אדוואלאוושע" אויף וועלכער ס'וועט בעטראכט ווערען זיין „אדוואלאניע", כדי צו געבען מונדליכע ערקלערונגען.

אין דעם פאל מוז ער איינצאהלען 1/2% פון דער שטרייטבארער שטייער-סומע. ס'איז וויכטיג צו בעמערקען, אז דער שטייער-אמט אליין האט דאס רעכט צו פערקלענערען די אויסגעמאסטענע שטייער-סומע מיט א סומע פון 300 זל. (העכסטענס).

אויב דער שטייער-צאהלער האלט די פערקלענערונג פאר א צו קליינע קען ער ווייטער פאדערן, אז זיין „אדוואלאניע" זאל ווערען בעטראכט דורך די געהעריגע „קאמיסיע אדוואלאוושע".

וואס געהערט, וואס געזעהן.

ביי מיר איז דאס אויך א פרייד

א סך שולדיג אין אונזערע צרות זענען בלי-ספק די יודישע פאבריקאנטען, וועלכע איגנארירען יודישע הענד. ווארום, ווען עס וואלטען געווען בעשעפטיגט אין די יודישע אונטערנעמונגען יודען – וואלט דער פראבלעם פון דער יודישער ארבייטסלאזיגקייט און פרנסה'לאזיגקייט ביי יודען געווען געלעזט; דאמאלס וואלטען מיר א סך ווייניגער מורא געהאט פאר'ן באיקאט אויף די מארק-שטעהער, און די זארג פאר'ן מארגענדיגען טאג וואלט געווען שוואכע, ווי זי איז ליידער היינט.

אונזערע יודישע פאבריקאנטען ארט אבער ווייניג די גרויסע נויט פון די יודישע מאסען, ווארום, ווי ביטער עס זאל אונז נישט זיין פיהלען זיי דאס דאך נישט. דערלויבט זיך טאקע א פאבריקאנט, וועלכער איז ערשט נישט לאנג אליין געווען אנ'ארבייטער, אויף אנ'אונערהערטע חוצפה – צו זאגען צו יודישע הענד, וועלכע קומען בעטען ארבייט: „ושידזב גיע פזשימויעמי". און דאס זאגט ער הויך אויפ'ן קול, אז די קריסטליכע ארבייטער זאלען עס אויך הערען. סוף כל-סוף אבער וועט דער דאזיגער העסליכער מה-יפית איהם אליין אויך נישט העלפען...

וואלט דאך אבער געווען גאנץ אנדערש, ווען אונזערע יודישע פאבריקאנטען וואלטען נאר געהאט א שטיקעל מענשליכקייט. דערווייל איז ביטער, איז אונזער שאנדע גרויס און אונזער וועהטאג גארנישט צו דערצעהלען.

עס זענען שוין פערשוואונדען די באבע-מעשיות וועגען דעם, אז יודען זענען נישט פעהיג צו דער ארבייט, א סך יודישע פאבריקאנטען זאגען פונקט פערקעהרט – אז יודישע ארבייטער זענען מעהר מסוגל צו דער ארבייט און זענען אויך זעהר טרייע ארבייטער.

יענע וואך האט ביי א היעגען בעל-הבית געוואשען וועש א יודישע וועשין און ווען איך האב דערויף אויסגעדריקט מיין פערוואונדערונג, האט מען מיר געענטפערט, אז די יודישע וועשין נעמט מיט א זלאטי טייערער פאר'ן טאג, נאר עס לוינט אבער, ווייל זי איז אנ'ערשטקלאסיגע וועשין און מען מוז לאנג ווארטען ביז מען קאן אנקומען צו איהר.

ווען זענען דאס געווען יודישע וועשינס, היינט אבער איז דאס שוין נישט קיין זעלטענהייט, און דאס האט מיך טאקי געפרעהט.

א סך וועלען לאכען פון מיר. וואס איז די פרייד – וועלען זיי טענה'ן. לאכט אייך אבער וויפיעל איהר ווילט, נאר ביי מיר איז אפילו אזא קלייניגקייט, ווי א יודישע וועשין, וואס ווערט בעשעפטיגט ביי ארבייט, אויך א פרייד...

דער ריכטיגער ענטפער...

א מבול פון צרות גיסט זיך אויף אונז פון אלע זייטען. מען נעמט אונז צו די פרנסות און דערצו זענען מיר בעדראהט מיט'ן לעבען. און נישט בלויז דא, נאר אפילו אין ארץ ישראל, אין לאנד פון אונזערע האפנונגען, ווערען מיר גערודפ'ט און געפייניגט. פיעל קרבנות האבען מיר שוין מקריב געווען אויפ'ן מזבח פון אונזער פרייהייט און אונזער אויפלעבונג. און וואס טהוען מיר דערויף? נו, יא, מען איז גוזר תענית.

איהר הערט א יושר? יענע שלאגען אונז, נעמען אונז צו דאס לעבען, און מיר פאסטען און זאגען תהילים...

אט ווי א פערברעכעריש פאלק די יודען זענען. אט ווי זיי קעמפען געגען דער וועלט – מיט זאגען תהילים און מיט א תענות.

שייך צו זאגען – דאס איז דער ריכטיגסטער ענטפער...

מען מוז איהם זאגען צום שבח.

אלע אינסטיטוציעס, סיי פילאנטראפישע, סיי געזעלשאפטליכע, לעבען איצט איבער א שווערען קריזיס, און אויב זיי האלטען זיך פארט, איז עס טאקי נאר מיט נסים.

די האנדווערקער-שולע איז מסתמא גישט קיין אויסנאהם, ווארום ס'איז דאך נישט שייך צו זאגען, אז זי זאל נישט ליידען פון איצטיגען קריזיס. זעהט מען אבער, ווי אזוי די דירעקציע פון דער האנדווערקער - שולע פיהרט היינט אדורך פערשידענע אינוועסטיציעס, ווי קאנאליזאציע און אויך א גאנצע רייהע רעמאנטען, מוז מען טאקי עס בעוואונדערן און דעם דירעקטאר איהרען מוז מען אבגעבען א שבח, אז ער איז א כוואט, אויב ער קאן זיך דערלויבען אהן עמיצענס הילף און דער איצטיגער צייט אויף אזא „לוקסוס".

אונזער צושטייער צום פשיטיקער פראצעס...

איהר האט א טעות, טשענסטאכאווער בירגער, ווען איהר האלט, אז מיר האבען גארנישט צושטייער געגעבען צום פשיטיקער פראצעס. אה, מיר האבען דארט א גרויסען חלק און מיר מעגען דערמיט שטאלץ זיין..

צווישען די אדוואקאטען, וועלכע פערטיידיגען די פשיטיקער פאגראמשטשיקעס, געפונט זיך אויך דער טשענסטאכאווער אפליקאנט - אדוואקאט ניעבודעק, דער פיהרער פון די היגע „נאראווצעס", וועלכער האט דארט אנ'עהרענווירדיגע מיסיע – צו לערנען טענה'ן די עדות, אז זיי האבען „נישט געהערט און נישט געזעהען"...

מיט אונזער תנא-ברא האבען מיר זיך נישט וואס צו שעמען. מיר טשענסטאכאווער בירגער קאנען שטאלץ זיין מיט אונזער צו-שטייער אויפ'ן פשיטיקער פראצעס...

קריסטליך אויבסט...

דער „אוושעם" בעקומט וואס אמאל אלץ פערשטארקונג, אזוי אז אפילו אנ'אויבסט-הענדלער, וועלכער שטעהט מיט א סטראגאן. אין גאס פערזעהט זיך אויך מיט אזא קמיע, וואס זאל איהם פערהיטען פון א בייז אויג...

אויף עק נייער מארק און אגראדאווע שטעהען צוויי סטראגאנעס מיט אויבסט: איינער געהער צו א יודען, דער צווייטער צו א קריסט. האט דער קריסט ארויסגעהאנגען א שילדעל מיט'ן אויפשריפט: „כזשעשציאנסקיע אוואצע". דאס וויל ער געבען אנצוגעהערען די קריסטליכע קונים, אז זיי זאלען חס ושלום נישט קויפען ביים דערנעבען שטעהענדען יודען. דאס דאזיגע שילדעל הענגט אבער נאר בלויז אין די וואכען-טעג, דערפאר אבער שבת, ווען דער יוד שטעהט נישט אין מארק, נעמט דער קריסט אראב דאס שילדעל און פערקויפט נערן דאס „קריסטליכע"

וואו איז אונזער אבוועהר-אקציע?

א גרויל נעהמט-ארום, צוזעהענדיג מיט וואס פאר א קאלאסאלן טעמפא עס פערשפרייט זיך לעצטענס די אנטיסעמיטישע וואקכאנאליע. דער גיפט עסט זיך וואס אמאל מעהר איין אין די אדערן און אין פלייש פון דער פוילישער בעפעלקערונג, און עס איז דאך קיין וואונדער נישט טאג-איין טאג-אויס ערשיינען אנטיסעמיטישע צייטונגען, וועלכע ווערען פאר חצי חנם אדער איננאנצען אומזיסט קאלפארטירט און פערשפרייט דורך די אנטיסעמיטישע שאוויניסטישע ארגאניזאציעס. די צייטונגען מעהרען זיך ווי שוואמען נאך א רעגען. זיי דרינגען אריין מיט זייער יודען-האס אין די ווייט פערווארפענסטע פונקטען פון לאנד, אין יעדע איינציגע קריסטליכע שטוב, אנהויבענדיג ביי די רייכסטע און ענדיגענדיג ביי די ארימסטע. גענוג צו דערמאנען אזעלכע פערשפרייטע צייטונגען ווי דער „ווארש. דזיענניק נאראדאווי", „ארענדאווניק" און אנדערע לאקאלע העץ-בלעטלעך.

לעצטענס האט אנגעהויבען ערשיינען א צייטונג א. נ. „סאמאאבראנא נאראדו". דאס דאזיגע פאגראם-בלעטעל איבערשטייגט מיט זיין גיפט אלע ביז-איצטיגע אנטיסעמיטישע שמאטעס. דאס דאזיגע העץ-בלעטעל רופט פראנק און פריי צו פאגראמירען יודען און פאדערט אויף אלע פאלאקען נאכצוטהון דעם מינסקער ביישפיעל אויף יעדען ארט פון זייער וואוינען. כאראקטעריסטיש, אז דאס דאזיגע בלעטעל געהט-אן אלס האלב אפיציעלער ארגאן פון די גלחים און ווערט ארויסגעהאנגען פאר קירכען און געבעט הייזער.

די מאכט-ארגאנען שווייגען; מען איז שטום און בלינד, נישט נאר וואס מען פערוועהרט נישט דאס ווייטערע ערשיינען פון אזעלכע „צייטונגען", נאר מען קאנפיסקירט אפילו נישט די העצערישע ארטיקלען, הגם זיי זענען אין ווידערשפרוך צו דער פוילישער קאנסטיטוציע, וואס פערוועהרט צו „העצען א טייל בעפעלקערונג געגען דער צווייטער".

מיר יודען אליין זענען אויך טיילווייז שולדיג אין דעם, וואס דער אנטיסעמיטישער גיפט פערשפרייט זיך. מיר, וועלכע האבען געדארפט לאזען אין גאנג אונזער גאנצע ענערגיע און ארבייט, בכדי אבצושלאגען די גיפטיגע אגיטאציע, זענען איננאנצען פערשוויגען געווארען. מען זעהט נישט קיין איין רעכט בוך אדער בראשור, וואס זאלען צוקלאפען די אנטיסעמיטישע טעאריעס. אמת עס זענען ערשינען צו דער שחיטה-פראגע צוויי בראשורען פון היגען רב נחום אש זצ"ל און הלל זיידמאן. צי איז דאס אבער גענוגענד? ערשטענס, זענען דאך די בראשורען אין דער גרעסטער טייל געלעזען געווארען אין די פוילישע מלוכה קרייזען און דורך געלעהרטע. און צווייטענס דאס איז דאך נישט קיין גענוגענד מאטעריאל אבצושטויסען דעם אנטיסעמיטיזם.

אין דער צייט ווען דער טרויעריג בעריהמטער תלמוד פון פראנייטיסען, טשעטשאק, גיט ארויס א בראשור א.ט. „דערקען דעם יוד" (פאזנאי זשידא), וואס אפילו בלויז דאס קעפעל זאגט שוין עדות וועגען דעם אינהאלט, שווייגט מען פון דער יודישער זייט, נישט רעכענענדיג זיך דערמיט, אז די דאזיגע בראשור פארגיפטעט מיליאנען קריסטליכע הערצער. עס מוז דורכאויס געשאפען ווערען א קאמיטעט, וועלכער זאל זיך נעמען צו א אינטענסיווער אבוועהר-אקציע. זיין צוועק און אויפגאבע זאל זיין ארויסצוגעבען בראשורען אין דער פוילישער שפראך, וועלכע זאלען דירעקט אריידרינגען צו די פוילישע פאלקס-מאסען, אבלייקענען די אנטיסעמיטישע פלוידערייען און אויפווייזען די עם-הארצות פון די טשעטשאק'ס, וואנדא מעלצער'ס און זייער גלייכען.

אויב מיר וועלען דאס נישט פערשטעהן און אנהויבען אויף דעם געביעט צו לענקען אונזער אויפמערקזאמקייט, וועט דער אנטיסעמיטיזם אננעמען ערנסטע פארמען נאך ערגערע ווי ביז איצט, ווייל אויב די אנטיסעמיטישע פאמפלעטען ווערען נישט אבגעלייקענט, ווערען זיי ביי די פוילישע מאסען אנגענומען אלס ריכטיגע פאקטען. דעריבער מוזען זיך אונזערע כלל-טהוער ערנסט איבער דער זאך פערטראכטען און צוטרעטען צו א ענערגישען אבוועהר-קאמף. יעצט איז נאך צייט, מארגען קאן שוין זיין צו שפעט.

עזריאל יאקובאוויטש.

500 יאהר דרוקעריי.

אויף דער גאנצער וועלט מאכט מען איצט גרויסע הכנות צו דעם יום-טוב פון פינף הונדערט יאהר דרוקעריי, וועלכען מ'וועט באלד אומעטום פייערן מיט גרויס פראכט.

ווער איז געווען דער ערפינדער פון דער דרוקעריי? דעריבער זענען פערהאנען חלוקי-דעות. יאהאן גוטענבערג פון שטראסבורג איז געווען בלי שום ספק דער ערפינדער פון דער דרוקעריי אין דער פארם, ווי מיר האבען זי נאך עד היום. די פראנצויזישע פארשער טענה'ן אבער, אז דער פראנצויז אנדרע ריטשען איז געווען דער אייגענטליכער ערפינדער פון דער דרוקעריי. זיי ברענגען א ראיה דערויף, אז ריטשען האט שוין אין יאהר 1436 געדרוקט א ספר, בשעת די ערשטע ארבייטען פון גוטענבערג'ן שטאמען פון יאהר 1441.

אויך בנוגע גוטענבערג'ן גופא טענה'ן די פראנצויזען, אז ער איז זייערס א מענש און האט גאר געהייסען הענגע. דער נאמען גוטענבערג בעצייכענט בלויז דאס דארף אין שטראסבורג, אין וועלכען ער איז געבוירען געווארען.

אזוי פיל איז זיכער, אז אין יאהר 1436 איז ארויסגעקומען דאס ערשטע געדרוקטע ספר. דאס איז געווען א תהילים'ל אין דער לאטיינישער שפראך, וועלכעס געפונט זיך נאך עד היום אין פאריזער „לובר". דאס תהילים'ל האט געדרוקט ריטשען, פון וועלכען מ'זאגט אז ער איז געווען דער געלד-נעבער און דעריבער איז די דרוקעריי געגאנגען אויף זיין נאמען. ערשט אין יאהר 1441 איז ארויסגעקומען דער גאנצער תנ"ך אין לאטיינישער שפראך, אויף וועלכען ס'איז שוין געווען געדרוקט דער נאמען י. גוטענבערג. פון דעם דאזיגען תנ"ך איז אויך נור פערהאנען איין-איינציגער עקזעמפלאר, וועלכער געפונט זיך אין בריטישען מוזעאום אין לאנדאן.

דאס עלטסטע העברעאישע ספר שטאמט פון יאהר 1475. דאס איז אויך געווען א תהילים'ל אין לשון-קודש. אין לאנדאנער מוזעאום געפונען זיך בלויז עטליכע בלעטלעך דערפון. דאס איבריגע, ווייזט אויס, איז פערלוירען געגאנגען.

ערשט אין יאהר 1516 האט דניאל באמבערג, א דייטשער יוד, וואס איז פערוואגעלט געווארען קיין ווענעדיג, געעפענט דארט די ערשטע יודישע דרוקעריי, אין וועלכער ער האט געדרוקט יודישע ספרים, דעם תלמוד בבלי, תנ"ך און אויך ספרי רימל. פון די דאזיגע ספרים זענען דערהאלטען געווארען אין איינצעלנע מוזעאום'ס עטליכע עקזעמפלארען. עס ווייזט אבער אויס, אז באמבערג האט נישט געהאט קיין גרויסע הצלחה אין זיין ארבייט, ווייל עטליכע יאהר שפעטער האט ער צוגעמאכט זיין דרוקעריי און ערשט אין יאהר 1735, ווייסען מיר פון א גרויסער יודישער דרוקעריי, וועלכע דער דעטויער בערענד לעהמאן האט געגרינדעט אין יאשעניץ.

דאס ערשטע מאל האט לעהמאנס סעקרעטאר, דער דעמאלסדיגער יודישער שריפטשטעלער זוסיא זיסקינד געבראכט אין יאהר 1735 אויפ'ן לייפציגער יריד דעם תלמוד בבלי צו פערקויפען און האט אזוי ארום פערשפרייט די ערשטע מאדערנע אויסגאבע פון ש"ס צווישען די יודען פון מזרח און מערב.

אין שפעטערע יאהרען האבען אויך אנדערע יודישע דרוקערייען געשיקט פערקויפען קיין לייפציג זייערע ספרים, בעזונדער מחזורים, סליחות, סדורים און כל-ערליי מוסר ספרים.—עס ווייזט אבער אויס, אז זיי האבען נישט געמאכט קיין גוטע געשעפטען דערמיט, ווייל אין די דעמאלסדיגע פערצייכענישען קומען יודישע ספרים נור זעהר זעלטען פאר.

א פנים, ס'איז דעמאלט נישט געווען קיין אינטערעס דערפאר...

ז. האבער

אברהם פויגעל

די פוילישע אפריל-קאנסטיטוציע.

VII. די געזעצגעבונג.

2.

געזעצען אין דער פארם פון דעקרעטען פון מלוכה-פרעזידענט קענען מיר אין היינטיגען פוילען ד ר יי ע ר ל יי. זיי זענען געשאפען געווארען מיט'ן צוועק צו פערפולקאמען די פארלאמענט-ארבייט אין דער צייט, ווען דער לעצטער איז אויפגעלעזען, איז נישט טעטיג, אדער אין די געביעטען, וואו ער קאן נישט אינגערירען.

אבהענגיג פון די דאזיגע דריי פאלען ווערען אונטערגעשיידען דריי מינים דעקרעטען. זאל מען אננעהמען, אז דער פארלאמענט איז אויפגעלעזען—אדער צוליעב'ן אבלויף פון זיין פינף-יעהריגער קאדענץ, אדער ער איז אוועקגעגאנגען פאר דער צייט דורך א פעראָרדנונג פון מלוכה פרעזידענט. ביז צום אויסוועהלען זיין פערטרעטער דויערט אונגעפעהר דריי חדשים, און במשך דער דאזיגער צייט געפונט זיך די מלוכה אין א נישט נארמאלען צושטאנד – אהן א געזעצגעבערישען ארגאן. דריי חדשים איז א צייט-אבשניט, אין וועלכען עס קען פערשידענס פארקומען אין לעבען פון א מלוכה. עס מוז זיך געפונען עמיצער, וועלכער זאל קענען אין א געברויך-פאל ארויסגעבען נארמען מיט'ן כח פון געזעצען.. אזעלכע זענען עס דאמאלס – דער פרעזידענט מיט דער רעגירונג. די לעצטע טרעט ארויס מיט דער איניציאטיוו, פארמולירט א קלארען פראיעקט, און פון פרעזידענט פערלאנגט זיך זיין הסכמה, וועלכע ער וועט געוועהנליך נישט אבזאגען. די אייגענטליכע געזעצגעבערין אין דעם פאל איז אלזא די רעגירונג אין קארפארע – דער מיניסטערען-ראט. די דאזיגע געזעצגעבונג איז יעדאך שטארק בעגרענעצט צוליעב'ן ארויסנעהמען פון איהר קאמפעטענץ א רייהע ערשטראנגיגע ענינים, ווי: קאנסטיטוציע-ענדערונג, שנוים אין דער וואהל - ארדינאציע, בודזשעט א. א. וו.

ווי ס'איז שוין פריהער דערמאנט געווארען, איז דער פארלאמענט גאנצע צוויי דריטעל פון יאהר נישט טעטיג. כדי די געזעצגעבערישע טעטיגקייט זאל נישט במשך אזא לאנגע צייט פאראליזירט ווערען, האט זיך לעצטענס איינגעפיהרט, אז דער פארלאמענט ניט ארויס דער רעגירונג פולמאכטען ארויסצוגעבען געזעצען, בעשטימענדיג אליין, וועלכע ענינים זיי זאלען ארומנעהמען. די פולמאכטען קענען ארומנעהמען אלע געזעצגעבערישע ענינים, אויסער ענדערונגען פון דער קאנסטיטוציע. די פארם, אין וועלכער די געזעצען קומען צום אויסדריק איז אידענטיש צו דער פריהערדיגער: עס פערלאנגט זיך אלזא די איניציאטיוו פון מיניסטארען-ראט און די הסכמה פון פרעזידענט.

גאנץ אנדערש זעהט אויס די דריטע סארט דעקרעטען פון מלוכה-פרעזידענט. ער קען זיי ארויסגעבען צו יעדער צייט, עס פערלאנגט זיך נישט צו זיי קיין פולמאכטען פון פארלאמענט און דער לעצטער האט בכלל אויף זיי נישט קיין איינפלוס, מ'דארף דא אויך נישט די איניציאטיוו פון מיניסטארען-ראט. די דאזיגע דעקרעטען נעהמען אבער דערפאר ארום א גאנץ ענגען שטח און בעריהרען געהנטערע ארגאניזאציע פון דער רעגירונג און פון רער רעגירונגס-אדמיניסטראציע, אדער דער הויפט-אנפיהרערשאפט פון דער ארמעע. טעארעטיש קען דער פארשלאג-געבער פון אזא סארט דעקרעט זיין דער מלוכה-פרעזידענט, און דער בעטרעפענדער מיניסטער צוזאמען מיט'ן פרעמיער דארפען נור עס אונטערשרייבען. פאקטיש וועט אזא זאך בעשטאנד זעלטען געשעהען, און די איניציאטארען וועלען זיין די געהעריגע מיניסטארען.

פון דעם קאמפלעקס פון דער געזעצגעבונג לאזט זיך ארויסעלימינירען דאס בודזשעט-געזעץ, צוליעב עטליכע ספעציפישע אייגענשאפטען, וועלכע כאראקטעריזירען עס. דאס בודזשעט-געזעץ דערלויבט דער רעגירונג איינצוציהען איינקונפטען און מאכען אויסגאבען אין דער פעסטגעשטעלטער הויך במשך איין יאהר (פון 1-טען אפריל ביז'ן 31-טען מערץ). די איניציאטיוו צו דעם געזעץ קען קומען נור פון דער רעגירונג און נישט, ווי אנדערע געזעצען, פון די דעפוטאטען, וועלכע קענען אפילו נישט פארשלאגען קיין העכערונג פון די פראיעקטירטע אויסגאבען אהן דער הסכמה פון דער רעגירונג.

ביים בעטראכטען דעם בודזשעט האט יעדער פארלאמענטס-קאמער גענוי פעסטגעשטעלטע טערמינען, וועלכע זי טאר נישט איבערשרייטען. אויב די טערמינען זענען אבגעלאפען און איין קאמער אדער ביידע האבען זייער ארבייט נישט פערפערטיגט, געהט דאס געזעץ אריין אין קראפט מיט דער בעשטימונג פון נור איין קאמער (סיים אדער ס ע נ א ט) עוו. לויט'ן רעגירונגס-פראיעקט. דער בודזשעט איז אלזא אנ'אויסנאהם פון דער גאנצער געזעצגעבונג, דען עס קען וועגען זיין רעכטליכער קראפט דעצידירען דער סענאט אליין, אדער גאר – אהן פולמאכטען צי הסכמה פון פרעזידענט – די ר ע ג י ר ו נ ג.

אויבסט יודישע פאניענקעס. ווי נאר ס'קומט צוריק זונטאג, הענגט ווידער דאס שילדעל מיט'ן אויפשריפט: קריסטליך אויבסט...

על חטא...

דעם דירעקטאר פון קינא „סטילאווי", דעם ה' גאגוט, איז באמת נישט מקנא צו זיין, ווייל ווי ער טהוט טויג נישט, האט מען צו איהם פרעטענסיעס. האט ער זיך געלאזט אברעדען און געבראכט א פאר דייטשע פילמען, זענען די יודען אויף איהם בייז געווען און געהאט צו איהם טענות. האט ער זיך ווידער געשלאגען על חטא ד. ה. ער האט אראבגעבראכט דעם יודישען פילם „על חטא" און דערמיט איבערגעבעטען די יודען, איז דאך דאכט זיך גוט; הויבט זיך נישט אן. אט טאקי צוליעב דעם „על חטא" זענען אויף איהם ברוגז געווארען די זאאלאגישע אנטיסעמיטען.

אין לעצטען נומער „גאזעטא נאראדאווא" איז ה' גאגוט אנגעגריפען געווארען. מען מאכט איהם שרעקליכע פארוואורפען פאר דעם גרויסען חטא, פאר'ן „על חטא", און דערביי זאגען איהם די ענדעקישע לייט צו, אז זיי וועלען זיך נאך מיט איהם פערזענליך אברעכענען.

כאראקטעריסטיש איז נאר דאס, וואס זיי ווארפען פאר דעם ה' גאגוט, אז צוליעב געשעפט האט ער באדאי געברענגט א יודישען פילם, וואס דאס איז לויט זייער תורה טריפה, אינדערצייט ווען די זעלבע „גאזעטא נאראדאווא"-לייט מאכען אליין זייערע איינקויפען ביי יודען, אויב זיי בעקומען נאר ביליגער. מיט דער דאזיגער חברה לוינט אבער נישט דיסקוטירען. איך וויל נאר בעצייכענען, אז דער ה' גאגוט וועט צוליעב זיין לעצטען „על חטא" זיך מוזען קלאפען נאכאמאל על חטא..

זיי האבען געדענקט אין די ארימע.

דעם פערגאנגענעם שבת האט א היגער בעל הבית, דער ה' בזשאסקי, געמאכט א בר-מצוה זיין עלטסטען זוהנדעל. די פייערונג איז פארגעקומען אין דער שטאדט-שוהל, וואו דער ה' בזשאסקי איז א שטענדיגער מתפלל.

מילא, וועגען דעם, אז דאס 13-יעהריגע יונגעל האט שעהן געזאגט די הפטורה, די ברכות און אויך געהאלטען א זעהר שעהנע העבראאישע רעדע, בין איך איצט נישט אויסען צו דערצעהלען. אויך וועגען דעם, אז די שוהל מתפללים האבען ספעציעל צוליעב דער בר-מצוה אראבגעבראכט א חזן, קאן אויך נישט קיינעם אינטערעסירען. וואס אונז קאן יא אינטערעסירען איז אט דאס, וואס בעת'ן קידוש, האבען די אנוועזענדע אויך נישט פערגעסען אין די הונדערטער יודישע ארימע בכבודיגע און מנדר געווען פאר זיי ברויט.

דער בעל-שמחה האט פון זיין זייט געגעבען 50 קילא ברויט פאר די „תומכי עניים" און דעם דאזיגען ביישפיעל האבען נאכגעטהון אלע געסט. ווער 5 קילא, ווער 10 קילא ברויט, אלע אבער האבען מנדר געווען ברויט פאר די איבער 350 פאמיליעס, וועלכע געניסען פון דער געזעלשאפט „תומכי עניים".

דער בר-מצוה-בחור האט אויך בעקומען פון די שוהל-מתפללים שעהנע מתנות, נאר די שענסטע מתנה איז לויט זיין מיינונג דאס, וואס אויף זיין שמחה האט מען אויך נישט פערגעסען אין די אומגליקליכע ארימע יודען.

דער איינציגער.

בעת די לעצטע וואהלען צום סיים, האט די יודישע בעפעלקערונג גענומען אנ'אקטיווען אנטייל אין די וואהלען און א סך דעפוטאטען האבען צו פערדאנקען זייערע מאנדאטען אויסשליסליך יודישע שטימען.

מילא, ווי אזוי זיי האבען אונז אבגעדאנקט, האט מען זיך געקאנט איבערצייגען בעת די דעבאטען ביי דער שחיטה-פראגע א. ד. גל. נישט בלויז, וואס זיי פערטיידיגען נישט אונזערע בלוטיגע אינטערעסען, נאר פערקעהרט, זיי שיטען נאך אויף אונז פעך און שוועבעל. פון אונזער טשענסטאכאווער דעפוטאט אבער, פון ה' קאבילעצקי, האבען מיר כאטש א ביסעל נחת.

אין דער רעדע, וואס אונזער טשענסטאכאווער דעפוטאט האט געהאלטען אויף איינע פון די לעצטע זיצונגען פון סיים, האט ער אונטערגעשטראכען, אז צוליעב די שלעכטע פאליטיק פון מאנכע אדמיניסטראטיווע מאכט-האבער קומט צו אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען און האט עס באלד אילוסטרירט מיט פאקטען.

מיר האלטען, אז ווען מען בעשולדיגט אונז נישט, נאר מען דערמאנט כאטש בדרך רמיזא א גוט ווארט וועגען אונז, זענען מיר שוין דאנקבאר און אין דער דאזיגער הינזיכט מוזען מיר זאגען, אז דעפוטאט קאבילעצקי איז געווען דער איינציגער.

דער יוד פערענטפערט זיך

אין פאריגען נומער פון אונזער צייטונג האב איך דערצעהלט וועגען א יודען, וועלכע כוליגאנעס האבען אין ראקאוו נעשלאגען מכת רצח און פערניכטעט זיין ביסעל סחורה, און ווען קריסטען, וועלכע האבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון יודען, האבען אויפגעגעבען דעם אויספארשונגס-ריכטער די שולדיגע, האט דער בעפאלענער יוד גאר געזאלט ביים זעלבען אויספארשונגס-ריכטער אבלייקענען די גאנצע מעשה.

דער זעלבער יוד האט בעזוכט אונזער רעדאקציע און דערצעהלט, אז ער איז בכלל נאך נישט גערופען געווארען צום אויספארשונגס-ריכטער. דער יוד פערזיכערט, אז ווען ס'וועט פארקומען דער משפט וועגען דאזיגען ענין, וועט ער אפען ערקלערען דעם גאנצען אמת און פעסטשטעלען ווער עס האט איהם געשלאגען אזוי ווי ער האט עס געטהון אין פאליציי-קאמיסאריאט אין ראקאוו וואו מען האט איהם אויסגעפרעגט און איהם קאנפראנטירט מיט'ן כוליגאנישען אנפאלער.

לויתן.

גרויסע פאלקס-פערזאמלונג אין צוזאמענ-האנג מיט'ן וועלט-קאנגרעס

אין צוזאמענהאנג מיט'ן בעפארשטע-הענדען יודישען וועלט-קאנגרעס, וואס קומט פאר אין חודש שרפיען אין גענף ווערט זונטאג, דעם 27-טען ד. ח. 11 א זייגער פארמיטאג פארקו-מען א גרויסע פאלקס-פערזאמלונג אין קינא „לונא".

מיט רעפעראטען וועלען אויף דער דאזיגער פערזאמלונג ארויסטרעטען: דער גצוו. פרעזעס פון יודישען קאלא דר. ה. ראזמארין און רעד. ש. וואל-קאוויטש.

דעמזעלבען טאג 5 א זייגער נאכ-מיטאג וועט אין לאקאל פון דער קהלה פארקומען א ראיאן-קאנפערענץ, אין וועלכער ס'וועלען זיך בעטייליגען דע-לעגאטען פון אלע שטעדט פון דער קעלצער וואיעוואודזטווע.

בעסטיאלישער מארד הינטער טשענסטאכאו.

זונטאג ארום האלב 6 א זייגער אין אוועגד איז אויף די פעלדער אין רענ-דזשין, הינטער טשענסטאכאו, אויס-געפיהרט געווארען א בעסטיאלישער מארד.

בעת דער דארטיגער איינוואוינער, דער 65-יעהריגער אנטאני טשערניאק האט ארומגעשפאצירט אויף זיינע פעל-דער, איז צו איהם צוגעגאנגען זיין קרוב, דער 27-יעהריגער יוזעף וואוו-שטשאק, וועלכער האט אלטע השבונות מיט טשערניאק'ן צוליב דער ירושה און צוליב וואס ס'זענען שוין מעהרערע מאל פארגעקומען צווישען זיי קריגע-רייען.

אויך דאסמאל איז אין אנהויב ענט-שטאנען א קריגעריי, אבער אין א גע-וויסען מאמענט האט וואוושטשאק אויפ-געהויבען א גרויסען שטיין און דער-לאנגט טשערניאק'ן א מעכטיגען זעץ אין דער זייט, נעבען דעם הארץ.

טשערניאק איז אוועקגעפאלען אויף דער ערד און גענומען רופען הילף, וואס ס'האבען דערהערט די נאהנטע שכנים און איהם געקומען טאקי צו-הילף.

א פער'חלש'טען האט מען דעם זקן אריינגעטראגען אין זיין אייגענער שטוב, וואו ער איז נישט קומענדיג צום בע-וואוסטזיין עטליכע מינוט שפעטער גע-שטארבען אין שרעקליכע יסורים.

דער מערדער יוזעף וואוושטשאק איז נאכ'ן אויספיהרען דעם דאזיגען בעס-טיאלישען מהאט ענטלאפען אין דער ריכטונג צום וואלד, וואו ער האט זיך אויסבעהאלטען.

עס האבען זיך אויך פערשפרייט קלאנגען, אז דער מערדער איז בעגאנ-גען זעלבסטמאָרד, ווייל ער האט שוין איינמאל געפרובט זיך צו נעמען דאס לעבען און מיט'ן דאזיגען געדאנק זיך כסדר ארומגעטראגען.

אויפ'ן ארט פונ'ם פארפאל איז ארא-געקומען פאליציי, וועלכע האט אונטער-גענומען ענערגישע זוכענישען נאך דעם מערדער.

דער דאזיגער מארד האט געפונען א ברייטען אבקלאנג ביי דער דארפישער בעפעלקערונג, וועלכע האט לעבהאפט קאמענטירט די אומשטענדען, ביי וועל-כע טשערניאק איז אומגעקומען.

כוליגאן פרובירט אונטערצוצינדען א פוהר מיט יודישע סחורות.

דינסטאג ארום האלב 8 אוועגד בעת א יודישער פורמאן האט אהינגעפיהרט סחורות אינ'ם עקספעדיציע - לאגער אויף קאטעדראלנע גאס נומער 13 איז צו דער פוהר צוגעלאפען א יונגער כוליגאן, וועלכער האט בעגאסען די סחורות מיט א פליסיגקייט און דאן זיי אונטערגעצינדען.

די סחורה, וואס איז בעשטאנען פון לייכט-ברענענדע מאטעריאלען האט זיך שנעל אנגעכאפט. עס איז געווארען א געוואלד. מען האט דעם כוליגאן נאכ-געיאגט און איהם פערהאלטען, אבער באלד זענען אונטערגעקומען עטליכע פערבייגעהענדע קריסטען, וועלכע גע-וואויר ווערענדיג וועגען „פערברעכען", האבען זיי דעם כוליגאן בעפרייט און געהייסען אהיימגעהן.

דאס פייער איז פערלאשען געווארען. עס איז אויך טעלעפאניש ארויסגערופען געווארען פאליציי וועמען מען האט מודיע געווען וועגען פארפאל.

טשענסטאכאו בלייבט אויך אין דער הינ-זיכט נישט הינטערשטעליג.

פיעלמאל איז אונז שוין אויסגעקומען צו שרייבען וועגען פערשידענע כולי-גאנישע טהאטען, וואס ווערען בעגאנגען בנוגע צו יודען. צווישען די דאזיגע טהאטען האט מען אויך געהערט ווע-גען בעגיסען קליידונג מיט טינט און פערשידענע אנדערע פליסיגקייטען.

די טשענסטאכאווער יודישע בעפעל-קערונג, וועלכע ווערט אויך געפרובט מיט אלע מיטלען אין קאמף געגען יודען, איז אויך נישט געווארען אויס-געמיטען דורך דעם לעצטען אופן פון נקמה מצד פערשידענע כוליגאנעס.

עהערגעכטען אין אוועגד בעת די צוויי יודישע פרייליינס רוזשא עפשטיין און א־הר חבר'טע לעאניא ראזענבערג האבען שפאצירט אין די אלעען, זענען זייערע קליידער געווארען בעגאסען מיט א טונקעלער פליסיגקייט דורך אונבע-קאנטע כוליגאנעס.

דעם דאזיגען הפקר'דיגען טהאט האָ-בען די נישט-ענטדעקטע פערברעכער אויסגעפיהרט אונבעמערקט פאר די פרייליינס און ס'איז זיי דעריבער גע-לונגען אונבעשטראפט אוועקצוגעהן.

דאס פייערליכע צוטיילען די צייגנישען פאר די שילער און שילערינס פון די דערגענצונגס-קורסען ביים האנדווערקער-פערבאנד.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד פארגעקומען דאס פייערליכע צוטיילען פון די צייג-נישען פאר די שילער און שילערינס פון די דערגענצונגס-קורסען ביים האנד-ווערקער-פערבאנד.

די טריבונע איז דעקארירט מיט די צעכען-פעהנער.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ה' ס. מיטלער, וועלכער בעט צו בעעהרען דעם אנדענקען פון הרב ר' נחום אש ז"ל מיט אויפשטעהן און א מינוט שטיל-שווייגען.

ה' מיטלער ווידמעט דאן א פאר ווערטער די שילער, וועלכע האבען געענדיגט די דערגענצונגס-קורסען און זיי גערופען אלס צוקונפטיגע האנדווער-קער אריינצוטרעטען אין די האנדווער-קער-רייהען. צום ערשטען מאל — זאגט ווייטער דער רעדנער — קומט פאר די פייערונג פון פונאנדערטיילען די בע-שייניגונגען אין האנדווערקער-לאקאל און דאס דארף זיין דער סימבאל, אז אין די דאזיגע מויערען וועלען די צו-קונפטיגע האנדווערקער בעקומען זייער אונטערשטיצונג מיט ראט און טהאט.

די לייטערין פון דער פרויען-שולע פרל. אוונער דריקט אויס א דאנק דער פערוואלטונג פון האנדווערקער-פערבאנד פאר דער מאראלישער אונטערשטיצונג, דער געזעלשאפט יק"א און דער יודי-שער קהלה פאר דער מאטעריעלער אונטערשטיצונג. דאן ווענדעט זיך די רעדנערין צו די מיידלעך, וועלכע האָ-בען געענדיגט די שולע, געזעגענט זיך מיט זיי הארציג און רופט זיי אבצוהי-טען דאס, וואס זיי האבען בעקומען אין דער שולע, ווי אויך צו זיין טרייע מיטגלידער פון דער האנדווערקער-אָר-גאניזאציע, וועלכע האט איבער זיי שטענדיג געוואכט.

דירעקטאר פושיסוסקער רעדט א פאר ווערטער און צום סוף זאגט ער, אז די טהירען פון דער שולע זענען שטענדיג אפען און אלע, וועלכע וועלען זיך ווענדען נאך אנ'עצה וועלען עס גערן בעקומען.

ראטמאן יוסף גאלדבערג בעגריסט די שילער אין נאמען פון דער צענטראלער פערוואלטונג פון האנדווערקער-פערבאנד. פרעזעס א. דזיאלאווסקי בעגריסט אין נאמען פון דער פערוואלטונג פון דער ארטיגער אבטיילונג פון האנדווערקער-פערבאנד. עס האלט אויך א שעהנע רעדע דירעקטאר מרגליות. דאן בעגרי-סען נאך די ה"ה אבא וויענער, ש. פראנק א. א.

אין נאמען פון די שילערינס ענטפערט פרומעט שטשעקאץ און דבורה לוסטי-גער, וועלכע דאנקען דער לייטערין פון דער שולע, דער האנדווערקער-פערוואל-טונג און דעם גאנצען לעהרער-פערסאָ-נאל פאר די לייסטונגען און זאגען צו צו זיין טרייע מיטגלידער פון דער יודי-שער האנדווערקער-משפחה.

די לייטערין פרל. אוונער, דירעקטאר פושיסוסקער און דירעקטאר מרגליות בעקומען בלומען.

ה' מיטלער האלט דאן דאס שלוס-ווארט און דאנקט גלייכצייטיג די ליי-טערינס פון דער מיידעל-שולע, פר"ל אוונער און לערנער פאר זייער טרייער איבערגעגעבענער ארבייט און דערמיט ווערט די פייערונג ביי א געהויבענער שטימונג געענדיגט.

דאן ווערען צוטיילט די צייגנישען פאר 23 שילערינס און 22 שילער.

די דערגענצונגס-שולע פאר לערן-מיידלעך האבן הײ-יאהר געענדיגט און בעקומען די געהעריגע צייגנישען פאלגענדע שילערינס:

בערקאוויטש צירל לאה, בושעזשינ-סקא מרים, כענטשינסקא פריידה, דאנ-ציגער חוה איטע, דוימאן ביילה, פייגע רבקה, פרידמאן שפרה, גאלדבאום חנה, גרינבאום חוה, יודקעוויטש חיה רחל, יונגערמאן רבקה, קאץ צירל, קאלין צירקא, לאנדסבערג היה, לעווקאוויטש חיה שרה, לובלינסקא אסתר, לוסטיגער דבורה, ניימאן גיטל, שטאהל גיטל, שטשעקאטש פרימעט, ווײנריב פייגל, קלייגבערג לאה, ראלניצקא אסתר.

די דערגענצונגס-שולע פאר לערן-יונגלעך האבען הײ-יאהר געענדיגט פאלגענדע שילער:

צאריסקי, צעלניק, דימאנט, דאומאן, דילעווסקי, ערליך, פרידמאן, פיליפ, גליקסמאן, גראנעק, יאקובאוויטש ח., יאקובאוויטש מ., יאקובאוויטש ד., יא-קובאוויטש מ., קאלקא, לאנדסמאן, לע-דערמאן, פענטשאק, רובינשטיין, רוזיינ-סקי, ראטענשטיין, רייזמאן, ראזענטאל, טארקא, ווינדמאן, וואקס, וויינבוים, זעליגמאן, זאלאנדז.

די פייערונג פון פונאנדערטײלען די צייגנישען אין דער שולע א. נ. פון זאפיא וויינשטאק.

דאס צוטיילען די שול-צייגנישען אין דער שולע א. נ. פון ז. וויינשטאק איז אויסגעפאלען גאר פייערליך.

די פייערונג איז פארגעקומען אין שול-גארטען, וועלכער איז דעקארירט מיט'ן שוהל-פאהן און איז פול מיט די פערזאמעלטע עלטערן און שילער.

דער לייטער פון דער שולע ה' וויינ-שטאק עפענט די פייערונג און בעט צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דעם אנדענ-קען פון די ארץ ישראל-קדושים. בעת'ן שטילשווייגען זינגט דער שול כאר די „התקוה". ה' וויינשטאק רופט די שילער נישט צו פערצווייפלען נאר אין איינ-קלאנג מיט דער יודישער התקוה גלוי-בען און האפען. דאן רעדט ה' וויינ-שטאק וועגען די אויפגאבען און בע-דייטונג פון די ערציהער פאר'ן יונגען דור.

עס ווערען דאן צוטיילט אויסצייכנונ-גען פאר פלייסיגע לעהרע און אנער-קענונגס צייגנישען פאר גוטע כאראק-טערען און איידעלע מדות פון די שי-לער.

דער פארזיצער פון עלטערן-קאמיטעט ה' הערצבערג נעמט ס'ווארט און בעט צו בעעהרען מיט אויפשטעהן און א מינוט שטילשווייגען דעם אנדענק פון פרל. ז. וויינשטאק. דאן דאנקט ער אין נאמען פון עלטערן-קאמיטעט דעם לייטער ה' ל. וויינשטאק, ווי אויך דער לעהרערשאפט פאר זייער איבערגעגע-בענע טרייע ארבייט. דערביי בעטאנט ה' הערצבערג, אז מיט 20 יאהר צוריק, בעת עס איז ענטשטאנען די שולע פון ז. וויינשטאק האט ער אריינגעגעבען זיין עלטסטען זוהן און אויך היינט מיט 20 יאהר שפעטער לערנט נאך אויך אין דערזעלבער שול זיין יונגסטער זוהן. די רעדע פון ה' הערצבערג איז גע-האלטען געווארען אין א ווארימען טאן.

דער שילער פאכטער פון דער 7-טער קלאס גיט אב א בעריכט פון דער זעלבסט-פערוואלטונג ביי דער שולע. אין נאמען פון די ארויסטרעטענדע שילער געזעגענט די שולע די שילערין גוטקא ראבינאוויטש.

די לעהרער בעקומען בלומען און מען צוטיילט די צייגנישען.

געשאפען א געגענזייטיגע הילפס-קאסע ביים האנדווערקער-פערבאנד.

לויט דער איניציאטיוו און אונטער'ן פארזיץ פון ראטמאן יוסף גאלדבערג איז אין האנדווערקער לאקאל פארגעקו-מען א קאנפערענץ פון פארשטעהער פון די האנדווערקער - צעכען וועגען גרינדען א געגענזייטיגע הילפס קאסע ביים האנדווערקער-פערבאנד.

נאכדעם ווי ראטמאן גאלדבערג רע-פערירט דעם פראיעקט פון אזא קאסע ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע, אין וועל-כער ס'נעמען אנטייל א רייהע פערזא-מעלטע און שפעטער ווערט איינשטימיג בעשלאסען צו גרינדען אזא קאסע.

צו דעם צוועק ווערט אויסגעוועהלט א צייטווייליגער קאמיטעט מיט ה' גאלדבערג בראש, וועלכער דארף זיך פערנעמען מיט'ן אויסארבייטען די סטא-טוטען ווי אויך אנצוהויבען א אינטענ-סיווע טעטיגקייט אויפ'ן דאזיגען געביט.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים-פעראיין.

זונטאג, דעם 21-טען ד. ח. איז אין אייגענעם לאקאל פון סוחרים-פעראיין פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג.

דעם בעריכט פאר'ן יאהר 1935 האָ-בען אבגעגעבען די ה"ה ד. באזשיקאוו-סקי און מ. גאלסטער און נאכ'ן ארומ-רעדען א רייהע אקטועלע ווירטשאפטליכע ענינים, וואס זענען נוגע דאס יודישע סוחר'טום, האבען די פערזאמעלטע אויסגעדריקט אבסאלוטאריום דער אב-טרעטענדער פערוואלטונג און אויסגע-דריקט אנערקענונג ספעציעל דעם קא-סירער ה' מ. גאלסטער פאר דער איג-טענסיווער ארבייט ביים געזונד-מאכען די פינאנצען פון דער געזעלשאפט.

די פראגע פון אויפלעבען די טעטיג-קייט האט ברייט ארומגערעדט ה' ד. באזשיקאווסקי, פארשטעלענדיג דעם ארבייטס-פלאן אויפ'ן יאהר 1936, וואס איז געווארען אויסגעארבייט דורך דער פערוואלטונג און וועלכער זעהט פאר א פערשטארקטע אינערליך ארגאניזא-ציאנעלע טעטיגקייט, דאס ארגאניזירען בעזונדערע בראנזשען סעקציעס, רעאר-גאניזאציע פון די פינאנסען און וויר-טשאפטליכען ארבייטס סיסטעם.

אין רעזולטאט פון די אדורכגעפיהרטע וואהלען און נאך דער קאנסטיטואירענ-דער זיצונג, שטעלט זיך פאר דער צוזאמענשטעל פון דער פערוואלטונג פאלגענד: פרעזעס—ה' זיגמונט שטילער, וויצע-פרעזעסען: מ. גויפעלד און פעליקס שפירא, פערוו.-סעקרעטאר: ד. באזשי-קאווסקי און דיר. סט. פרושיצקי, קאסי-רער: מ. גאלסטער, ווירטשאפטער — ש. אלטמאן, פארזיצענדער פון שיעדס-געריכט — יודא ענגעל, פארזיצער פון דער אינטערווענץ-קאמיסיע — יוסף שלע-זינגער, פערוואלטונגס-מיטגלידער: משה פויסט, משה קאפינסקי, ה. שעלצער, פ. פראפארט, ז. ראטבארד און חיים וועקסלער.

אידא קאמינסקא אין טשענסטאכאו.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען, קומט אויף עטליכע געצעהלטע אויפטריטען צו אונז אין שטאדט די בעוואוסטע קינסטלערין אידא קאמינסקא מיט איהר ערשטקלאסיגען אנסאמבל.

יעדער אויפטריט פון אידא קאמינסקא איז א געשעהעניש און ווערט פעררע-כענט אלס יום-טוב פון דער יודישער קולטור.

עס ווערען דעריבער ערווארט מיט גרויס אינטערעס די אויפטרישען פון אידא קאמינסקא, וועלכע הויבען זיך אן פרייטאג, דעם 3-טען יולי ד. י. אין פייערלעשער-זאל.

יוד. סאצ. ארב. פארטיי „פועלי ציון" צ. ס. התאחדות נ. מארק 2.

שבת דעם 27-טען ד. ח. 11 פריה קומט פאר אין באראכאוו - היים דער פייערליכער צוזאמענטרעף פון קרייז גורדון.

11 30 קומט פאר א אויסערגעוועהנלי-כע פערזאמלונג פון טראנספ.-ארבייטער.

פונקטליך 4 נאכמ. קומט פאר א מאסען-פערזאמלונג אויף וועלכער ס'ווע-לען רעפערירען: חבר פראפ. י. סאק א. ד. ט. „די איצטיגע געשעהענישען אין א"י", חבר י. שטרויס — בעריכט פון די פארטיי-ראט-בעראטונגען מיט'ן אנטייל פון ח' בן גריון.

אנ'אויספלוג פון זש. ט. ק. קיין אויצוב.

דעם 28-טען און 29-טען ד.ח. ווערט דורך דער היגער אבטיילונג פון זש.ט.ק. איינגעארדענט א 2-טאגיגער אויספלוג מיט א שטאדטישען אויטאבוס קיין אויצוב. די צאהל פלעצער איז בעגרע-ניצט.

גענויע אינפארמאציעס ביי ה' י. רזשאנשינסקי (אלעע 29) ביז 2 א זיי-גער נאכמיטאג.

פון ספארט

די טוריסטישע סקי-סעקציע ביים „מכבי".

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ספארט-יום-טוב פון י.ט.ס.פ. „מכבי" אין ביעלסק לכבוד זייער 40 יעהריגער עקזיסטענץ, וועלכע פאלט אויס דעם 28 ד.ח. ווערט דורך דער טוריסטישער סעקציע ביים „מכבי" איינגעארדענט א 2-טאגיגער אויספלוג קיין ביעלסק, באראניא-גורא, וויסלא אונטער דער אנפיהרונג פון ה' שאיא. דער ארויספאהר קומט פאר דעם 28 ד.ח. פארטאגס.

גלייכצייטיג ווערט מיטגעטיילט, דאס ס'ווערט ארגאניזירט א 3-טאגיגער אויס-פלוג אין די טאטרען און פיענינען אונ-טער דער אנפיהרונג פון ה' ר. וויינ-בערג.

אינפארמאציעס ערטיילט דער סעק-רעטאריאט פון האלב 9 ביז 10 אוועגד.

„טשענסטאכובקא" — „מכבי".

מארגען, שבת 5.45 נאכמיטאג קומט פאר א פוטבאל-מעטש צווישען „טשענ-סטאכובקא" און „מכבי". נעמענדיג אין אכט די גוטע פארם, אין וועלכער ס'גע-פינען זיך ביידע מאנשאפטען, זאגט דער מעטש צו צו זיין זעהר אינטערע-סאנט.

פון דער טעניס-סעקציע ביים „מכבי".

די נײ-ארגאניזירטע טעניס-סעקציע ביים „מכבי" האט שוין אין די ערשטע וואכען פון איהר עקזיסטענץ ארויסגעווי-זען א לעבהאפטע טעטיגקייט. דער אייגענער טעניס-פלאץ פון פעראיין אויף פאשא גאס 27 איז שטענדיג פול מיט ספארטסלייט — טעניס-שפילער, וועלכע שעפען דערפון דעם פולסטען גענוס.

די צאהל מיטגלידער וואקסט כסדר און די בעמיהונגען פון דער לייטונג ווערען געווענדען אין דער ריכטונג צו פערשפרייטען און פאפולאריזירען דעם טעניס-ספארט צווישען יודען. פאר די טעניס-שפילער ווערען געמאכט אלערליי הנחות, נישט אויסשליסענדיג אפילו דאס ערטיילען קוואליפיצירטע אינ-סטרוקטארען.

דער סעקרעטאריאט פון „מכבי", קאטעדראלנע 13, נעמט אן איינשריי-בונגען אין דער טעניס-סעקציע און ערטיילט אויך אלערליי אינפארמאציעס.

טרעניגנג פון דער פוטבאל-סעקציע ביים „מכבי".

ס'ווערט מיטגעטיילט אלע מיטגלידער, אז די טרעניגנגען פון דער פוטבאל-סעקציע קומען פאר רעגולער יעדען דינסטאג און דאנערשטאג פון 5 נאכמ. אויפ'ן אייגענעם ספארט-פלאץ אויף יאסקראווסקא גאס.

דער סעקרעטאריאט פון „מכבי" איז טעטיג טעגליך פון 8—10 אוועגד.

WE WTOREK, dn. 30 b. m.
odjazd II grupy NA KOLONJĘ
Szkoły im. Z. Wajnsztokówny
do Włodzimierzowa.
Jeszcze kilka tylko wolnych miejsc. Kancelarja, Aleja 20, tel. 10 78 czynna codziennie od 10—12 i od 4— 6 po poł.

די אפפערוויליגקייט פון די שילער פאר'ן בוי פון א אייגען הויז פאר'ן יודישען גימנאזיום

פאריגען דאנערשטאג איז אין יודישען גימנאזיום פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער „זעלבסט-הילף" (סאמאפאמאק), דאס איז אנ'אויטאנאמע ארגאניזאציע, צו וועלכער עס געהערען אלע שילער און שילערינס פון גימנאזיום.

אויף דער דאזיגער פערזאמלונג האבען די שילער צווישען אנדערן אויך בעריהרט די פראגע פון בוי פון אנ'אייגען הויז פאר דער שול. די אידעע פון בוי האט ארויסגערופען א סך ענטוזיאזם ביי אלע פערזאמעלטע און זיי האבען איינשטימיג בעשלאסען, אז ווען עס שלאגט אויס א שעה פון מעשים און די עלטערע געזעלשאפט טרעט צו צו אזא גראנדיעזען ווערק, פון וועלכען עס וועט דאך הויפטזעכליך געניסען די יוגענד, מוז אויך די יוגענד זיין צווישען די בויער און פערווירקליכער פון דער אידעע אונטער גרויסען ביישפאל איז איינשטימיג אנגענומען געווארען דער בעשלוס צו שפענדען פאר דעם בוי 400 זל. אין מזומן.

אין ריהרענדע ווערטער האט די אנגענומענע רעזאלוציע אויפגעפאדערט אלע שילער צו אונטערשטיצען מיט וואס זיי קענען נור די בוי-אקציע און גלייכצייטיג פייערליך פראקלאמירט צו פונדירען אין נייעם הויז אנ'אייגענעם זאל, איבער וועלכען עס וועט זיך געפונען א מארמאר-טאוועל מיט דער אויפשריפט, אז דעם זאל האבען מיט אייגענע מיטלען געהאלפען אויסבויען די שילער און שילערינס פון גימנאזיום.

די אטמאספערע צווישען די פערזאמעלטע איז געווען אזא הארציגע און ווארימע, אז די ערשטע שפענדען פאר דעם צוועק זענען שוין געפאלען.

א וויכטיגע ווארנונג

אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט האט לעצטענס ארויסגערופען אנ'אויפרוף פון פ. ק. א., אין וועלכען עס ווערט געזאגט צוו. אנד.:

מיט גרויס מיה שווערער פראצע און אויסדויער זאמעלט איהר אין משך פון לאנגע יאהרען אייערע אבשפארונגען. איהר האט אונז אונפערטרויט דעם לעצטען גראשען, האלטענדיג מיט רעכט די פ. ק. א. פאר א פעסטונג, וואס היט אב אייער האב און-גוטס. אבער דא און דארט בעווייזען זיך פערשוינען מיט א געמאכט פרומען פנים, וואס זייהען אונרוהע און פערשפרייטען בייזוויליגע פלאטקעס. די דאזיגע פערדעכטיגע לייט דערצעהלען בבא-מעשיות, ווארענען פאר א כלומרשטער ענטווערטונג פון געלד, ראטען ארויסצוציהען די דעפאזיטען פון די שפאר קאסעס. די, וועלכע לאזען זיך בעהערשען דורך דער אונרוהע, קומען נאך די דעפאזיטען און בעקומען זיי גלייך אויסגעצאהלט אהן שום בעגרעניצונגען. די אהן ישוב-הדעת ארויסגעצויגענע סומעס פערקלענערען זיך אפטמאל, א טייל געלד געהט זיך פונאנדער, און די רעזולטאטען פון פיעל חדשים און אפילו יאהרען איינשפארונגען ווערען פערקלענערט.

הערט זיך נישט צו און לאזט זיך נישט נאכ'ען דורך פלאטקעס, וואס זענען אויסגעזויגען פון פינגער. געדענקט, אז עס איז לייכט ארויסצוציהען איינשפארונגען. אבער עס איז פיעל שווערער אבצוהיטען זי אונגעריהרט און און אין זיכערהייט.

נדבות איז רעד. פאר „תומכי עניים"

ה' פנחס הערשליקאוויטש צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 10 קילא ברויט.

אויך ביי א שמחה דארף מען נישט פערגעסען אין די הונגעריגע בכבוד'ע

דעם פערגאנגענעם שבת איז ביים ה' שלום ברזאסקי פארגעקומען א שמחה לכבוד דער בר-מצוה פון זוהן גרשון.

ה' ברזאסקי האט דאן נגעבען א ביישפיעל מנדר זייענדיג 50 קילא ברויט פאר „תומכי עניים" און אויך די געסט האבען מנדר געווען ברויט פאר „תומכי עניים" לויט פאלגענדען סדר:

ה' דוד גאלדבערג און פרוי 10 קילא ברויט, ה' הערמאן שלצער 10 קילא ברויט, ה' מאיר אלטמאן 10 קילא ברויט, ה' משה דוד לעווקאוויטש 10 קילא ברויט, ה' דוד פיליפאוויטש 5 קילא ברויט, ה' שמואל אלטמאן 5 קילא ברויט, ה' חיים פיטעל 5 קילא ברויט, ה' יצחק ניימאן 5 קילא ברויט, ה' אברהם קאפינסקי 5 קילא ברויט, ה' יהושיע ווארשאווסקי 5 קילא ברויט, ה' שמואל גאלדרופ 5 קילא ברויט, ה' אברהם וואלסקי 5 קילא ברויט, ה' ראזענשטיין 5 קילא ברויט, ה' לייביש מאנעלע ברזאסקי 5 קילא ברויט, ה' ישעי' שונדער 5 קילא ברויט, ה' שלום ביאלעק 5 קילא ברויט, ה' יעקב איטיך 5 קילא ברויט, ה' שמואל פראנק 5 קילא ברויט.

א ריהרענדער דאקומענט.

א הארציגען, ריהרענדען בריעף האט די וואך ערהאלטען ה' נויפעלד פון די קינדער פון דער דריטער קלאס פון דער פאוושעכנער שול ביים יודישען גימנאזיום. דער אינהאלט פון דעם בריעף איז פאלגענדער:

„ווען מיר זענען געוואויר געווארען, אז עס עקזיסטירט א קאמיטעט, וועלכער וויל אויפבויען א הויז פאר אונזער שול, וועלכע מיר האבען זעהר ליעב, האבען מיר זיך זעהר דערפרעהט. מיר האבען וועגען דעם א סך גערעדט אי אין שול אי אין דערהיים און עס איז אונז געווען זעהר פרעהליך, ווייל מיר וועלען געהן אין אונזער שול, אין אנ'איינען הויז.

מיר וועלען אבער נישט בלויז געהען אין אונזער שול אריין, מיר וועלען העלפען, אז זי זאל ווי אמשנעלסטען אויפגעבויט ווערען. צוליעב דעם זענען מיר מסכים געווען צום פארשלאג פון אונזער חבר, איזיא ראזענבוים, וועלכער האט אונז געזאגט, אז מיר דארפען אין דעם יאהר נישט קויפען קיין צוקערלעך און קיין טשעקאלאדקעס און דאס געלד, וואס מיר וועלען בעקומען אין דערהיים אויף צוקערלעך, זאלען מיר צוזאמענלעגען אין א קאסטקע און דערנאך געבען דאס געלד אויפ'ן בוי פון הויז פאר אונזער שול. אלע זענען מיר דערצו מסכים געווען און דאס איז געווען אונזער גרויסער סוד דורכ'ן גאנצען יאהר. נור אונזער „וויכאוואטשיני" האט וועגען דעם געוואוסט. ביז יעצט האבען מיר צוזאמענגענומען 16 זל. דאס געלד שיקען מיר איבער צו אייך, ווייל מיר האבען געהערט, אז איהר זענט דער פרעזעס פון בוי-קאמיטעט.

מיר דאנקען ווי אמהארציגסטען אייך און די אלע, וואס ווילען פאר אונז אויפבויען א נייע, שעהנע שולע. אלע קינדער פרעהען זיך זעהר צוליעב דעם".

אונטער דעם דאזיגען ריהרענדען דאקומענט זענען אונטערגעשריבען די שילער און שילערינס פון דער דריטער קלאס פאוושעכנע שולע ביים יודישען גימנאזיום (היינט זענען זיי שוין אין דער פיערטער קלאס) און נעמליך: האלינא בראט, סטעלא ערליך, רוזשא פערענס, ערנא, פראנק, וואוועק געלבער, לוצינא גאלדמאן, לאלעק העלפגאט, יהודית הארואוויטש, טאלא איצקאוויטש, שמואל קאמראט, מאלא קליין, אדעק קאהן, רוניא פלאצקער, טאדעק שמולעוויטש, פאוועל שפאלטען, רחל ווירזשביצקא, ראמעק זבאראווסקי, לילקא ראזען, האנקא ריכטער, איזיא ראזענבוים, סאבא שמולעוויטש, בעניא רייזמאן.

דאס צוטיילען די צייגנישען אין דער פאוושעכנע שולע נר. 15.

שבת נאכמיטאג זענען אין דער פאוושעכנע שולע נומער 15 צוטיילט געווארען די צייגנישען פאר 57 שילער, וועלכע האבען געענדיגט די 7 טע אבטיילונג.

אין דער פייערונג האט אויך אנטייל גענומען דער שול אינספעקטאר.

די פייערונג הויבט זיך אן מיט'ן שול-הימן, געזינגען דורכ'ן שול-כאר, אנגעפיהרט דורך פראפ. פישעל.

דאן רעדט אין א הארציגען טאן דער קעראווניק ה' קאפושטשינסקי, וועלכער דערצעהלט, אז צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער שולע ווערט היי-יאהר ארויסגעגעבען צייגנישען אין דער 7-טער אבטיילונג (ביז נישט לאנג האט די שולע פערמאגט 6 אבטיילונגען). ער ווינשט די שילער ערפאלג אויף זייער נייעם וועג. עס רעדען דאן די לעהרערינס: בערגמאן און גוטמאכער, וועלכע געזעגענען זיך מיט די קינדער מיט טרעהרען אין די אויגען. דאן רעדט דער שול-אינספעקטאר, וועלכער לויבט די שולע אלס א מוסטערהאפטע און ווינשט די אבסאלווענטען ערפאלג אין זייער לעבענס-וועג. אין נאמען פון עלטערן-קאמיטעט רעדט ה' א. יארקאווינע.

אין נאמען פון די שילער ענטפערן בירנצווייג, ווייגטרויב א.א. די קינדער האבען ארויסגעוויזען גרויסע ערודיציע און די פייערונג האט געמאכט אויף אלע אנוועזענדע א געוואלדיגען איינדרוק. די לעהרער מיט'ן לייטער בעקומען בלומען.

דער כאר פיהרט אויס נאך א רייהע לידער און מיט'ן געזאנג פון פוילישען נאציאנאלען הימן ווערט די פייערונג פערענדיגט.

פייערליך צוטיילט די מאטורעס פון גימנאזיום פון דר. אקסער.

זעהר פייערליך איז אויסגעפאלען דאס צוטיילען די מאטורעס די שילער פון דר. אקסער'ס גימנאזיום.

ביי א פול געפאקטען זאל פון עלטערן, שילער און איינגעלאדענע געסט ווערט געעפענט די פייערונג מיט געזאנג פון כאר פון דער שולע. עס האלטען דאן זעהר געלונגענע רעדעס די מאטוריסטען: לאסטמאנובנא, פירשטענבערג א. אנד. נאך די זעהר געלונגענע דעקלאמאציעס פון די שילערינס: אייזנער, ווייס, פראנק און אנד. האלט דירעקטאר דר. אקסער א פראכטפולע געזעגנונגס-רעדע, אין וועלכער ער רופט די שילער צו זיין שטאלצע יודען און מענשען, קעמפען פאר דער אויפלעבונג פון דער יודישער נאציע און זיין גוטע פוילישע בירגער. ער געזעגענט זיך הארציג מיט די שילער, וועלכע טראגען איהם צו א גרויסען בוקעט בלומען.

דער כאר זינגט נאך עטליכע לידער און פערענדיגט מיט'ן פוילישען נאציאנאלען הימן.

די פייערונג, וועלכע איז פארגעקומען אין א הארציגע שטימונג האט געמאכט אויף אלע אנוועזענדע א גוטען איינדרוק.

דאס פערענדיגען דאס שול-יאהר אין דער פאוושעכנע שולע № 13

פונקליך 11 א זייגער פריה ביי דער אנוועזענהייט פון עלטערן-קאמיטעט, עטליכע עלטערן און געסט ערקלערט די לייטערין פון דער שולע פרל. שאכער, אז מען טרעט צו צום פערטיילען די שווידעצטוועס און גלייכצייטיג זאגט זי א פאר ווארימע ווערטער צו די שילערינס, געזעגענט זיך מיט זיי און ווינשט זיי ערפאלג אין זייער ווייטערן לעבענס וועג.

דאן קומט פאר דאס פייערליכע איבערגעבען דעם פאהן פון דער שולע. די שילערינס וואס טרעטען יעצט אריין אין דער 7-טער קלאס. עס געזעגענט דאן די שילערינס די ערציהערין פרל. מיטק ווי אויך ה. ווייס, אלס גאסט און אפיעקון פון דער שולע № 12.

דאן דער לעהרער ה. ווינטרויב, אין נאמען פון עלטערן-קאמיטעט פון דער שולע ה. פייגענבלאט. א מענגע בלומען פערפולען די זאלען פון דער שולע מיט וועלכע עס ווערען בעשאנקען די לייטערין פרל. שאכער און ערציהערין פרל. מיטק.

מיט'ן געזאנג פון פוילישען הימן און „התקוה" אויסגעפיהרט דורך דעם שול-כאר אונטער דער לייטונג פון ה. פישעל ווערט די פייערונג געענדיגט.

Prosimy żądać stale i wszędzie niezrównanej książki z przepisami Dra. A. Oetkera p. t. „Dobra gospodyni piecze sama". Do nabycia u zastępcy i we wszystkich księgarniach Cena 50 groszy.

Zastępca:
H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38.

צו די היגע יודישע פרויען!

דער יעצטיגער ווירטשאפטליכער קריזיס האט אמשטארקסטען געטראפען די גרויסע צאהל ארימע קראנקע, וועלכע ווענדען זיך נאך הילף אין אונזער אינסטיטוציע. צוליב די בעשרענקטע פינאנציעלע מיטלען, וואס בעשטעהען הויפטזעכליך פון מיטגלידס-ביטראג, זענען מיר אבער נישט אימשטאנד נעניגענד צו בעפרידיגען די צאהלרייכע פעטענטען.

מיר ווענדען זיך דעריבער מיט א הייסען רוף צו אלע פרויען, וואס זענען פיהלבארער אויף די מענשליכע ליידען, דאס זיי זאלען זיך מאסענווייז פערשרייבען אלס מיטגלידער פון אונזער געזעלשאפט.

די פערוואלטונג פון פרויען-פעראיין „עזרה"
אין טשענסטאכאו.

בעלייכטונג | הזר זיך איין און געדענק | מאטארען

דעם נומער 25-97 25-97 25-97 25-97 25-97 טעלעפאן

„SILA" אלעע קאשטשושקי 16
פון דער יודיש-פוילישער אינזשעניערן - פעראייניגונג אין טשענסטאכאוו
אין וועלכער ס'בעטייליגען זיך די בעסטע און וויכטיגסטע אינסטאלאטארן-עלעקטריקער פון אונזער שטאדט.

אלערליי רעפעראציעס | אויסצאהלונגען אין ראטעס אין פערלויף פון 18 חדשים | בעהייצונגס-אינסטאלאציעס

פארבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)
אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

KINO „EDEN".
דער הערליכסטער פילם
1000 taktów miłości
הערליכסטע מוזיקאלישע קאמעדיע.
איבער'ן פראגראם:
אקטואליעס פון דער גאנצער וועלט
לעצטער סעאנס 10 אווענד. אנהויב: שבת 4 נ"מ, זונטאג 3-30 און אין וואכען-טעג 6 אווענד.

Kino „LUNA"
פון שבת אן די וויציגע ווינער קאמעדיע
nie chcę wiedzieć kim jesteś
מיט ליאנא הייט, גוסטאוו פרעהליך אא.
איבער'ן פראגראם: קלאנג-צוגאבען.
אנהויב 6 אווענד — לעצטער סעאנס 10 אווענד.

Do wynajęcia:
4 pokoje z kuchnią, rozkład korytarzowy, wszelkie wygody, front, I-e piętro.
3 pokoje z kuchnią, rozkład korytarzowy, wszelkie wygody, oficyna, II-e piętro.
Pokój z kuchnią, wszelkie wygody, służbowy, kąpielowy i t.p.
Aleja Wolności 19.
Wiadomość u adm. tegoż domu T. Kenighajt.

Kino „STYLOWY" Aleja 27.
גרעסטע סענסאציע! גרויסע עמאציע!
אין מעכטיגען פילם
Tajemnica D-ra Chandlera
אין דער הויפט-ראל:
בעלא לוגאסי
אויסער'ן פראגראם: אקטואליען.

Do wynajęcia:
3 pokoje z kuchnią słoneczne, wszelkie wygody i 2 pokoje z kuchnią, Kilińskiego 14.
Wiad. u dozorcy lub u adm. domu T. Kenighajt, Aleja Wolności 19.

Redaktor i wydawca: B. Boojan Druk. B. Boojan, Aleja 6